# № 4 אויפבאו

חודש-זשורנאל ארויסגעגעבן דורך דער יוגנט-אפטיילונג ביים צ.ק. פון די ייִדן אין פוילן.

## 30 יאר אקטאבער רעוואלוציע



# אויפגאַנג

חודש-זשורנאל ארויסגעגעבן דורך דער יוגנט-אפטיילונג ביים צ.ק.
פון די יידן אין פוילן
№ 4 ● 1.XI. 1947 ●


דוד האָפשטיין

## פּראָצעסיע

מיר גייען אין דיינע פאַרנטיקע רייען,
שפּאַנענדיקע מענטשהייט,
טראָט נאָך טראָט!
אויף שאַנדן-שטאַנגען וואַקלט זיך און וואַקלט
דער אַלטער גאָט,
מיט לופט געלאַטעט, פלאַטערט אַלץ און פלאַטערט
די אַלטע רויטע פאָן —
צוריק קיין טראָט!
און שטעקלעך וועקנדיקע שיטן שרויט אויף שטייפן פייקל,
און טאַצן דזשימדזשען - שלייפן שאַרפט אויף שוועבנדיקער לופט,
און הויך פאַרוואַרפט זיין רוף
דער שיינענדיקער טרומייט ..
היינט בין איך אויך אַ שטיקל קלינגענדיקער
קופּער —
איך היפער
שטילע סאַמעטענע ערטער,
איך וועק די מידע,
כ'באַדעק דעם זיפץ פון אָפּגעשוואַכטע
מיט הילכיקן געלעכטער —
צוריק קיין טראָט!



אין די הייסע טעג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע

**הערש סמאָליאַר**




דער קאַמפּס־סיגנאַל, אויף וועלכן דורות טרוימער און קעמפער האָבן אומגעדולדיק גע־וואַרט, איז געווען אַזוי לאַקאָניש, פּונקט ווי ס׳וואָלט געגאַנגען נישט וועגן שטירצן אַ גאַנצן וועלט־סדר, נאָר וועגן אַ געוויינלעכער שלאַכט, אָט אַזאַ, ווי איינע פון די פיל טויזנטער, וועל־כע האָבן צוגעגרייט דעם נצחונדיקן אָקטאָבער־שטורעם. לענין האָט באַפוילן:

„אויסטיילן די סאַמע אַנטשלאָ־סענע עלעמענטן (אונזערע „שלאָגלער" און די אַרבעטער־יוגנט, ווי אויך די בעסטע מאַטראָסן) אין ניט קיין גרויסע מחנות, כּדי זיי זאָלן פאַרנעמען אַלע וויכ־טיקסטע פּונקטן און כּדי זיי זאָלן אָנ־טיילנעמען אומעטום, אין אַלע וויכ־טיקסטע אָפּעראַציעס"... (אומעטום אונטער־געשטראָכן דורך לענינען).

און אַזוי איז עס שוין געבליבן אין משך פון די גאַנצע 30 יאָר פון דער גרויסער סאָ־ציאַליסטישער רעוואָלוציע: די אַרבעטער־יו־גנט איז געווען און איז געבליבן צווישן די אַנטשלאָסענע עלעמענטן, וואָס פאַר־נעמען שטענדיק די וויכטיקסטע פּונקטן אין דעם אויפמאַרש צום סאָציאַ־ליזם. זי, די יוגנט פון סאַמע פאָרגעשריטנסטן קלאַס, האָט דעם לאַנד פון דער סאָציאַליסטי־שער רעוואָלוציע אוועקגעגעבן דאָס עיקרדיקע וואָס זי פאַרמאָגט — איר יוגנטקייט.

30 יאָר נאָכן היסטאָרישן אָקטאָבער־נצחון — און ס׳שפּרודלט היינט אינם אָקטאָבער־לאַנד מיט יוגנטלעכן ברען און מיט רייפער קראַפט, וואָס ווייסט נישט פון קיין מידקייט און שלאַבעריקייט אין די גלידער.

ס׳האָט די מענטשהייט אין איר טרוים צו באַנייונג באַשאַפן די לעגענדע וועגן פעניקס, וואָס ביים סאַמע סוף פון זיין לעבן, א פאַר־ברענטער אויפן שייטער, באַקומט ער צוריק זיין יוגנט. האָט די דאָזיקע מעשה קיין רעאַלע רעקונג אין דער מענטשלעכער געשיכטע קיינ־מאָל נישט באַקומען. די געשיכטע ביז מיט 30 יאָר צוריק ווייסט פון עפּעס אַנדערש. זי ווייסט פון שטורמיש־יוגנטלעכע אויפברויזן, פון רעוואָלוציעס, וואָס זיינען אין גאַנג פון דער צייט זקניש איינגעטריקנט געוואָרן און זיך פאַרוואַנדלט אין זייער אייגענער פאַר־לייקענונג. האָט דאָך די אַמאָל רויט־בלענדנ־דיקע פריגייישע היטעלע פון דעם באַסטיל־יע־שטורמער באַקומען איצט דאָס חוזק־פּנים פון אַ שלאָפמיצע אויפן פליכעוואַטן קאָפּ פון רעאַקציאָנערן, צום טויט איבערגעשראָקענעם בירגער.

אַנדערש האָט נישט געקענט זיין דאָ, ווען סאָציאַלע שטורמען האָבן בלויז איינע אַרויסגעשליידערט פון די טראָנען, כּדי באַלד זאָלן צווייטע זיך דאָרט קענען באַזעצן און ביי געענדערטע אומשטענדן, אויף אַן אַנ־דער אופן, פאָרזעצן דעם דורות־לאַנגן גאַנג פון אויסנוצן די כּוחות און טאַלאַנטן פונם אַרבעטס־מענטש פאַר דער באַרייכערונג פונם מאַכטהאָבער.

אַנדערש איז געוואָרן דער גאַנג פון דער געשיכטע נאָכדעם, ווען אינם לאַנד, ווו ס׳האָבן געהערשט אַלע מינים און פאָרמען שקלאַפעריי, איז ביז צום גרונט פאַרניכ־טעט געוואָרן די עקספּלואַטאַציע פון איין מענטש דורכן צווייטן.

דער אָקטאָבער־שטראָם האָט נישט בלויז די טראָנען אַראָפּגעשווענקט — ער האָט אין אָפּגרונט פאַרטראָגן אויך די פּרעטענדענטן, אויף זיי. און ס׳האָבן זיך געעפנט קוואַלן פון אומגעשטערטער שעפערישער מענטשלע־כער ענערגיע. און ווער נאָך, ווי יוגנט האָט געדאַרפט האָבן פאַר זיך פרייען, אומ־געצוימטן אויסגאַנג פאַר ברויזנדיקע, לעבנס־גיריקע כּוחות!

געקומען איז העריבער די צייט, ווען
... ס׳האָט קיינמאָל
אַזוי גלויביק
נישט געהויבן זיך קיין האַנט!

(דוד האָפשטיין)

הענט האָבן זיך געהויבן פאַרביילטע, באַוואָפנטע קעגן אַלץ און אַלעמען, וואָס האָט אין משך פון יאָרן געפּרוווט האַמעווען דעם מאַרש פון דער רעוואָלוציע — קעגן אַרמייען שונאים, וואָס האָבן מיט אַן אייזערנער בלאָ־קאַדע־קייט געפּרוווט דערשטיקן דאָס סאָ־וויעטנלאַנד, קעגן האָרדעס אינערלעכע פיינט, וואָס זיינען ווי ווערעם דורכגעקראָכן אין דער מינדסטער שפּאַרונע, כּדי צו צע־פרעסן דעם קרעפטיקן יונגן אָרגאַניזם.

ס׳האָט אין דעם דאָזיקן קאַמף נישט גע־ווּוסט פון קיין מידקייט דאָס לאַנד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. מיט האַרטנעקיקייט, מיט גרענעצלאָזער עקשנות האָט דאָס געאיי־ניקטע פאָלק באַשלאָסן, און דעם באַשלוס, ווי אַ שבועה איבערגעחזרט:

„מיר וועלן נישט אָפּשטיין,
מיר טאָרן נישט אָפּשטיין,
עס פאַלט אויף אונז אַלע,
פון צוקונפט דער אָפּשיין!

(איציק פעפער)

אין די פאָדערשטע קאַמפס־רייען איז גע־גאַנגען די יוגנט — די פאַרקערפּערונג פון דער דאָזיקער צוקונפט. אַ קליין צעטעלע אויפן טיר פון אַ פאַרשלאָסענעם יוגנט־קלוב:

„דער קלוב איז פאַרמאַכט — אַלע זיינען אויפן פראָנט אַוועק"
וועט פאַרבלייבן אַן אייביקער עדות וועגן א



יוגנט, וואָס האָט אלץ אוועקגעגעבן, באהעפטנדיק זיך אויף לעבן און טויט מיט דער רעוואָלוציע. וועגן א יוגנט, וואָס האָט פון צוריקוועג נישט געוואָלט וויסן.

„ס'זיינען ווייטן, ווי ווײַן, און זיי שווימען
מיט ברויז
איז ארויס א באפעל, מע זאָל קוקן פאָרויס!
(פרץ מארקיש)

מיט אויגן און הערצער געווענדט צום כסדרדיקן פאָרויסמארש האָט די יוגנט, צוזאמען מיטן גאנצן זיגערישן פאָלק, זיך שפעטער צוריקגעשטעלט צו דער זשמודנער, טאָגטעגלעכער אויפבוי־ארבעט. אויף חרובע פאבריקן און פארוויסטע פעלדער האָבן זיך באוויזן שפראָצן פון א זייער שווערן אָבער יונגן, אויפגייענדיקן לעבן. ס'האָבן אלטע, דערפארענע בויער די קעלנע איבערגעגעבן אין די הענט פון די יונגע, וואָס האָבן א חוק גרענעצלאָזן ווילן און „ווארעם בלוט אין הארצן'' (אָשר שווארצמאן) גאָרנישט נישט פארמאָגט. ס'האָבן אָפט אלטע, דערפארענע לייט, פארבענקטע נאָכן נעכטיקן טאָג, אָפגעטראָטן פאר די שוועריקייטן. געווען זיינען אויך אזעלכע, וואָס האָבן זייער וויסן בשום אופן נישט געוואָלט שטעלן אין דינסט פון סאָציאליסטישן לעבן. האָבן הונדערטער טויזנטער פון דער בעסטער יוגנט זיך א לאָז געטאָן אין די ברייט־צעפראלטע טויערן פון די אוניווערסיטעטן און פאָליטעכניקעם און מיט עקשנות פון פראָנט־קעמפער זיך גענומען שטורמען די פעסטונגען פון דער וויסנשאפט.

שלאכטלייט ביים בויען, ביים לערנען, ביים שאפן — אזא איז דער גרונטשטריך פון דער יוגנט, וואָס איז צום לעבן געקומען אין דער אָקטאָבער־עפּאָכע. געפורעמט האָט זיך דער דאָזיקער דור אין אומברחמנותדיקן קאמף קעגן אלץ, וואָס פרווט שלעפן צוריק צו א לעבן פון קנעכטשאפט, אין גרענעצלאָזער געטריישאפט פאר דער אלגעמיינער זאך פון קעמפערישן און באפרייטן פאָלק. אזעלכע זיינען די עיקרדיקע עטישע נאָרמעס, וואָס באוועגן דער יוגנט פון דער באפרייטער אָקטאָבער־וועלט. ביי דער

ארבעט ווי ביים לערנען איז
יעדע בריגאדע — א זיכערע פעסטונג.
— אָט דאָס הייסט פארמעסטונג!
א שלאָגלער דארף שלאָגן דעם פיינט אומעטום!
א שלאָגלער—הייסט העלדישקייט, ערע און
רום!
(איציק פעפער).

דער דאָזיקער אימפעראטיוו האָט באגלייט דאָס גאנצע סאָוויעטישע פאָלק — זיין יוגנט אין דער ערשטער ריי — אינם היסטאָרישן שטרייט מיט דער פילקעפּיקער פאשיסטישער האָרדע, וואָס האָט זיך פארמאָסטן צום פארשטאָפּן די קוואלן פון האָפענונג, דערמוטיקונג און אייביקער יוגנט פון אלע פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער. נישט קיין איינצלנע ביישפילן פון לעגענדארע העלדנטאטן — פאר דער וועלט האָט זיך אנטפלעקט א פאָלק — א מאָנאָליט, געפורעמט דורך זיין קאמפס־שטאב — דער באָלשעוויסטישער פארטיי, געפירט דורך זיין גאוניישן אויבערקאָמאנדיר — יאָסיף סטאלין. העלדישקייט, געטריישאפט דער פאָלקס־זאך האָט זיך ארויסגעוויזן אלס זיין גרונט כאראקטערשטריך. אָבער צווישן די מיליאָנען שלאכטלייט — העלדן פון פארטיידיקונג און אָנגריף, העלן באזונדערס שארף ארויס די נעמען פון די יונגע, כמעט קינדער נאָך, זאָיע קאָסמאָדעמיאנסקע, אָלעג קאָשעוואָי, אלעקסאנדער מאטראָסאָוו — די נעמען פון טויזנטער, וואָס זיינען מיטן פולן באוווסטזיין פון אומפארמיידלעכן אייגענעם אומקום געגאנגען אויף די געפערלעכסטע שלאכט־פּאָזיציעס און האָבן געזיגט!

זיי האָבן געזיגט, ברענגענדיק באפרייונג דער גאנצער וועלט. זיי האָבן געזיגט און דערמיט באשטעטיקט, אז בלויז דאָרט, ווו ס'איז ביזן גרונט פארניכטעט געוואָרן דער פארפעסטעטער קוואל פון מענטשלעכע אומגליקן — די קאפּיטאליסטישע אויסנוצעריי און פארשקלאפונג — דאָרט ווערט געבוירן, דערצויגן און פארפולקאָמט די גדויסע, פרייע, שעפערישע פערזענלעכקייט.

זיי האָבן געזיגט, דינענדיק פאר אלע ציימן אלס ביישפיל פארן יונגן דור, אז בלויז באהעפטנדיק זיך מיט דער באפרייטער וועלט און מיט די, וואָס קעמפן אומעטום פאר אזא באפרייונג קען אייביק דויערן די יונגקייט פונם לאנד, פונם פאָלק.

חורבות זיינען נאָך ארום אונז און בייזע הארבסט־ווינטן לויערן אומאויפהערלעך. און דאָך פילן מיר אין די דאָזיקע אָקטאָבער־טעג מיט אלע אונזערע חושים די מחיהדיקע פרישקייט פון פרילינג־ווינטן אין אונזער יונג, באפרייט פוילישׁ לאנד. אין רושטעוואניעס שטייען די שטעט און אויף זיי שטייגט אלץ העכער און העכער דער באפרייטער מענטש — דער סוווערענער בעל־הבית פונם נייעם לעבן.

ס'וויסן עם ביי אונז קינד און קייט: פון מזרח זיינען געקומען די באפרייער — די זין און טעכטער פון סאָוויעטישן פאָלק, אָט די, וואָס האָבן מיט 30 יאָר צוריק געבראכט דער געפלאָגטער וועלט דעם אָנזאָג פון דערלייזונג. ס'וויסן עם די רעשטלעך פון פוילישן יידנטום, וואָס האָבן ביים ראנד פון אָפּגרונט דערפילט די ווארעמע ברידערלעכע האנט פונם רעטער: דאָס האָבן די מענטשן, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן דורך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זייערע לעבנס מקריב געווען פאר אונזער אלעמענס באפרייונג. און מיר וויסן עס היינט אלע: די אָקטאָבער־טעג פון 1917 האָבן געגעבן דעם אָנהויב פון א נייעם מענטשלעכן דור, פון א נייעם מענטשןטיפּ, וואָס האָט אין פראָצעס פון ענדערן די סאָציאלע אומגעבונג זיך אליין געענדערט. ס'איז דער מענטש פון אייביק ברויזנדיקן, אייביק אומרויקן, זוכנדיקן גייסט, ס'איז דער מענטש, וואָס האָט דערקענט די קראפט פון זיין ווילן צו באווירקן און ענדערן די ארומיקע געזעלשאפט און די בלינדע נאטור־כוחות. ס'איז דער באפרייטער מענטש אין א באפרייטער וועלט.

און ד אָ ס איז דער מענטש, וואָס דינט אלס פראָטאָטיפּ ביים דערציען שטאָלצע, מוטיקע קעמפער אינם לעצטן געראנגל מיט דער וועלט פון אונטערדריקונג, וואָס וויל נישט מיט גוטן אָפּטרעטן דעם פּלאץ פאר דער אייביק יונגער וועלט פון פרייהייט און גערעכטיקייט.



אַ יידישע פאַמיליע באַגלייט אַרויס אויפן פראָנט איר זון, מאַן און פאָטער בשעתן בירגער־קריג אין אוקראַינע אין 1919 יאָר

ת. גראסמאן

# די רעוואלוציע פון מענטשן

פיל פון אונז, וואָס ציען אונטער דעם סך־הכל פון 30 יאָר אָקטאָבער־רעוואָלוציע, פיל פון די. וואָס חשבונען צונויף די גרויסע דערגרייכונגען פון די 30 יאָר, פארגעסן אין דעם חשבון זייער א וויכטיקע, און לויט מיין מיינונג אפשר די וויכטיקסטע פּאָזיציע. און וועגן דער פּאָזיציע וועל איך דאָס מאָל שרייבן.

זייער אָפט מאַכט מען סך־הכלען פון דערגרייכונגען אין דער אינדוסטרי, לאַנדווירטשאַפט, קולטור. מיר שיינט, אז יעדער מענטש היינט אין דער וועלט ווייסט שוין וועגן די גרויסע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אויף אלע געביטן פון לעבן. אָבער ווי פולבלוטיקער וועלן אויסזען די אלע דערגרייכונגען, ווען מיר וועלן האָבן פאַר זיך שטענדיק דאָס בילד פון דעם מענטש, וועלכער האָט עס געמאַכט און פאר וועלכן מען מאכט עס ווייטער, גייענדיק כסדר פאָרויס.

די רעוואָלוציע האָט אויסגעהאַלטן איר היסטאָרישן עקזאמען, ווייל זי האָט געביטן די עקאָנאָמישע, פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע סטרוקטור נאָר פאַרן ווייל פונם מענטש. זי האָט אים אויפגעהויבן פון בלאָטע, פון פארשקלאַפונג — צו דער אינערלעכער פרייהייט. די ווירקיטן פון לעבן האָבן אויפגעהערט צו זיין א זאך פאר אויסדערווילטע פון מיליאָנען, דאָס איבערגעבן די גיטער, די עקאָנאָמישע און קולטורעלע — צום אלגעמיינעם געברויך, דאָס האָט פאַרזיכערט דעם אָנטייל פון די זעלבע מיליאָנען אין פּראָצעס פון שאפן נייע ווערטן.

נישט איינמאָל איז אויסגעקומען צו דיסקוטירן אין אַמעריקע מיט מענטשן, וועלכע האָבן דעם סאָוויעטישן מענטש נישט געזען און פארשטייען אבסאָלוט נישט זיין לעבנס־ווערק. זיי האָבן מיך געוואָלט איבערציינגן, אז די מלחמה מיט דייטשלאַנד האָבן געוווּנען די מאַשינען, און דאָס אין א גרויסן טייל — זייערע, די אַמעריקאַנישע מאַשינען. איך וויל נישט דיסקוטירן מיט מיין פריינט פון ניו־יאָרק, דעם אייגנטימער פון א „דזשאַפּ” — וועגן דער לעצטער פראַגע. די וואָס זיינען געווען אין ראַטנפאַרבאַנד אין דער צייט פון קריג, ווי אויך די, וואָס האָבן דאָ אין די געטאָס און אין די וועלדער געפייערט דעם 26־טן און 27־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָבן געזען ווי אזוי דאָס סאָוויעטישע פאָלק האָט געשמידט זיין געווער קעגן פאשיזם און נישט געוואַרט אויף די צושטעלונגען פון דעם רייכן אַמעריקע. — אָבער נישט אין דעם גייט עס. מיר ווייסן, אז די אמעריקאַנער האָבן אין די לעצטע חדשים פארן סוף פון קריג געליטן א גוואַלדיקע מפּלה ביי די אַרדענען טראָץ דער פּרעכטיקער אויסשטאַטונג און טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר זיך אפשר נאָר 10 פּראָצענט פון דער דייטשישער ארמיי, ווייל די אַנדערע 90 פּראָצענט זיינען געווען פאַרבלאָקירט אויפן מזרח־פראָנט. דאָס איז געווען נישט קיין צופאַל. — ווען מען ווייסט נישט פארוואָס מען קעמפט, איז דער קאַמף נישט ווערט קיין פארגאָסן בלוט.

אין דער מלחמה מיטן פאשיזם האָט געזיגט ראשית־כל דער סאָוויעטישער מענטש, און אים האָט געבוירן און אויסגעהאָדעוועט די רעוואָלוציע. ער האָט געהאַט פאר זיך דאָס בילד פון דעם צאַרישן, האלב־קאַפּיטאַליסטישן, האַלב־פעאָדאַלן רוסלאַנד, די טורמע פון פעלקער פון איין זייט, און די וויזיע פון דער פרייער, סאָציאַליסטישער צוקונפט, וועלכע ער בויט פאר זיך און זיינע קינדער — פון דער צווייטער. די געמיינזאמקייט פון דעם סאָוויעטישן מענטש מיט דער רעוואָלוציע איז דאָקומענטירט געוואָרן מיטן בלוט פון פיל מיליאָנען אין קאַמף קעגן פאשיזם.

נאָר דערפאר, ווייל די רעוואָלוציע דינט די מאַסן, די פעלקער, דעם מענטש, נאָר דערפאר, ווייל די רעוואָלוציע האָט דערהויבן דעם באַגריף „מענטש” און האָט אים געגעבן אָנזען אין זיינע אייגענע אויגן, גלויבנדיק אין אים און אין זיין כוח, האָט ראַטנפארבאַנד געקאָנט אין די שווערע טעג פון קריג אויסהאַלטן דעם גרויסן היסטאָרישן עקזאמען.

מיר וואָלטן געקאָנט ברענגען ביי דער געלעגנהייט, ווען מיר רידן וועגן די גרויסע קולטורעלע דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע צענדליקער ציפערן, וועלכע זאָלן באַגרינדן אונזער טעזע. ס׳וועט זיין גענוג צו באַטאָנען, אז 73 פּראָצ. פון דער באַפעלקערונג (א חוץ קינדער פון אונטער 9 יאָר) האָבן נישט געקאָנט לייענען און שרייבן אין דעם צאַרישן רוסלאַנד, און אין יאַנואַר 1939 האָבן שוין 86,3 פּראָצ. געקאָנט. און וואָס קאָן נאָך זיין אויסדרוקספולער, ווי דער פאַקט?

מען קאָן אויך אויפווייזן דעם וווּקס פון דער צאָל לערער און שטודירנדע מענטשן, דעם וווּקס פון דער צאָל ארויסגעגעבענע ביכער אין דרוק (40 — 50 מיליאָן ביכער דערשיינען א יאָר), און נישט נאָר די צאָל באַשטימט דאָ. וויכטיק, מיר זאָלן ווייסן וואָס איז דער קוואַליטעט פון די ביכער: פושקין (פארשפרייט 20 מיליאָן בענדער), באַלזאַק און וויקטאָר הוגאָ,



לענין רופט צום קאַמף קעגן די אינטערווענטן.

אנאַטאָל פראַנס און ראָמען ראָלאַן (ביי 1,5 מיליאָן בענדער יעדער איינער), גאָרקי א. א.

ווען מיר וועלן געדענקען, אז אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אמעריקע ווערן טאָגטעגלעך פאַרשפּרייט מיליאָנען סענסאַציאָנעלע, דעמאָראַליזירנדע, אָן קיין שום ליטעראַרישן און עטישן ווערט פאַרשידענע ברוק־ליטעראַטור, וועלן מיר פאַרשטיין ווי אנדערש עס אנטוויקלט זיך דער מענטשלעכער מוח און זיין געפיל אין די צוויי קאָנטראַסטפולע אָרדנונגען פון קלאַסישן אויפגייענדיקן סאָציאַליזם און קלאַסישן אונטערגייענדיקן קאַפּיטאַליזם.

די זעלבע דערשיינונגען, וועלכע באַגלייטן דעם קריזיס פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט באַגלייטן אויך דעם קריזיס פון דער קאַפּיטאַליסטישער קולטור. און נאָר דאַן, ווען מיר וועלן פאַרשטיין די קראַמפּן פון דער קאַפּיטאַליסטישער קולטור, ווען מיר וועלן גענוי אָבסערווירן ווי זי זוכט אַן אויסוועג פון אירע אייגענע סתירות און פּלאָנטערניש, וועלכע זי האָט אַליין געשאַפן, און געפינט נישט דעם אויסוועג — דעמלט וועלן מיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויפהערן צו זיין חסידים פון דער א. ג. „מערב־דעמאָקראַטישער” קולטור. אָט אזוי, ווי מען וואַרפט דאָרט מיליאָנען טאָן עסנוואַרג אין ים אַריין, אָדער מען פאַרברענט זיי, אין דער צייט, ווען מאַסן אַרבעטסלאָזע הונגערן, אזוי איז דאָרט דאָ א „איבערפלוס” פון קולטור־ווערטן, ווייל די נויטבאַדערפטיקע, אָפּגעשטאַנענע מאַסן האָבן נישט קיין מעגלעכקייט פון זיי צו געניסן. און אויף אזא אופן ווערט די קולטור אָפּגעריסן פון דער מאַסע אַרבעטער און פויערים, פון זייער קאַמף און לעבן. און דאָ שטעקט די סיבה פון צעפוילטקייט.

אין תוך אנדערש, ווייל אנדערש זיינען די טענדענצן פון דער רעוואָלוציע — שטעלט זיך פאַר די פראַגע אין לאַנד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. גלייך ווי ברויט פאַר מיליאָנען, אזוי אויך קולטור פאַר מיליאָנען!

און פון דאַנען—צו נאָך איין וועזנטלעכער פראַגע: אין די ראַמען פון באַשטימטן געזעלשאַפטלעכן לעבן ווערן געפורעמט די נאַטירלעכע כוחות פונם מענטש. אין געוויסע געזעלשאַפטלעכע לעבנס־פאָרמען ארויסגעהויבן די גוטע אָדער שלעכטע אייגנשאַפטן פונם מענטש און נאָך מער אין באַזונדערע געזעלשאַפטלעכע באַציונגען קאָנען די זעלבע אייגנשאַפטן פאַרוואַנדלט ווערן אין בויענדע אָדער צעשטערערישע.

די גרויסקייט פון דער רעוואָלוציע באַשטייט צווישן אנדערע אין דעם, וואָס זי האָט געבראַכט א רעוואָלוציע אינם מענטש גופא; דאָס וואָס איז געווען אין אים אָנגרייפעריש, צעשטערעריש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א שעפערישן, בויענדן, מענטשלעכן כוח. א כוח, וואָס איז גרייט צו יעדן רוף, צו יעדער אָנשטרענגונג און יעדן קרבן. אָנשטאָט שנאה און פאַרדרוס לגבי דעם צווייטן, איז געבוירן געוואָרן א גרויסע ליבשאַפט צו דעם סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד און צו אלע זיינע בירגער, מיטקעמפער פאַר דער זעלבער גערעכטער זאַך.

אשר שוואַרצמאַן

# דער שונא ביי די טויערן

די שוואַרצע מוטער־נאַכט
צעריסן ווערט פון וויי:
– דער שונא ביי די טויערן!

פון טיף פון האַרץ
זיך רייסט אַ ווילד געשריי:
– דער שונא ביי די טויערן!

אויף גיך צום פערד,
די האַנט שטאַל אָן,
ס׳איז איצט דער שווערד,
די שפּיז – אַ פאָן –
– דער שונא ביי די טויערן!

איך מיין, אז מאַכן די רעוואָלוציע אין מענטשן איז א סך שווערער ווי די רעוואָלוציע אין דער ווירטשאַפט. ער, דער מענטש איז דער שליסל צו אַלץ, דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט געוווינהייטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, מיט א לעבנס־איינשטעלונג, א פרעמדע פאַר דער רעוואָלוציע.

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט געבויט אויף דעם, אז דער מענטש איז פון יסוד שלעכט און זינדיק און די קאַפּיטאַליסטישע פאָלקס־דערציער (אויב מען קאָן די דעמלסדיקע הערשער אזוי רופן) האָבן די טעזע ספּעציעל געפלעגט.

„דער מענטש איז גוט”, האָט געזאָגט דער סאָציאַליזם. „מיר גלויבן אין זיין כוח און אויסדויער, ווען עס האַנדלט זיך אין א גערעכטע זאַך”. „אין אונזער לאַנד איז דאָ א זין פאַר אָנשטרענגונג פונם מענטש און די אָנשטרענגונג דערהויבט אים, און אויב נאָר צו דעם צוועק האָבן מיר דורכגעמאַכט שווערע יאָרן, יאָרן פון פאַרלוסטן און לײַדן, נאָר כדי מיר זאָלן דאָס דערגרייכן — דיינו” שרייבט ערענבורג אין זיין פאָרוואָרט צום בוך „דער צווייטער טאָג”, און ער דערקלערט אונז פאַרוואָס דאָס בוך הייסט „דער צווייטער טאָג”. ווייל ס׳איז נאָך נישט אויפגעשטאַנען דער זיבעטער טאָג, דער טאָג פון רוען נאָך דער שווערער אַרבעט, דער טאָג פון הנאה האָבן פון פּרוכטן. מיר דוכט, אז דווקא אָט די זעקס טעג פון דער רעוואָלוציע — איך וויל נישט אָפּשאַצן אין וועלכן טאָג פון די זעקס שטייען מיר היינט — איך מיין, אז שוין לאַנג נאָכן צווייטן, אָט די טעג פון שווערער אַרבעט, פון לערנען, פון שעפערישע לײַדן, זיי האָבן געשאַפן די רעוואָלוציע פון מענטשן, פון א מענטש מיט א העכערן ווערט, א מענטש א שטאָלצן און א דרייסטן — א מענטש א לעבנסלוסטיקן. אָט אין דעם ווערט געבוירן און אויסגעשמידט די נייע לעבנס־קולטור פונם נייעם סאָוויעטישן מענטש.

און פון דאַנען צו דער פראַגע פון ד ע ר י ו ג נ ט.

מיר ווייסן וואָס פאַרא אנטייל די סאָוויעטישע יוגנט האָט געהאַט אין דער רעוואָלוציע און אין איר בויונג און פאַרפעסטיקונג. ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס אין שווערע מאָמענטן פאַר א פאָלק, ווען עס שטייען פאַר אים שווערע אויפגאַבן, ווענדט מען זיך מיטן פּנים צו דער יוגנט. אויך אין דעם שווערן פּראָצעס פון איבערדערציען דעם מענטש, אין פּראָצעס פון ארויסציען אים פון פאַרשקלאַפונג און פירן אים צו אַן אינערלעכער פרייהייט און זעלבסט־דיסציפּלין, איז געווען די סאָוויעטישע יוגנט די ערשטע און דרייסטע. זייענדיק שטענדיק אַבסאָרבירט מיט גרויסע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פראַגן, האָט לענין געפונען אויך פאַר נויטיק צו ווידמען פיל אויפמערקזאַמקייט דער ערשטער דערציונג פון דער יוגנט. ווי עס גיט איבער קלאַרא צעטקין לענינס ווערטער: „די רעוואָלוציע פאָדערט א שטאַרקע אינערלעכע קאָנצענטראַציע און דערהויבונג פון כוחות אזוי פון דער יוגנט, ווי אויך פון דער מאַסע”. „דער פּראָלעטאַריאַט איז אַן אויפגייענדער כוח, ער דאַרף נישט קיין שיכרות כדי צו פאַרטעמפּן און נישט כדי צו פאַרשטאַרקן די כוחות. נישט קיין שיכרות פון סעקסועלן לעבן און נישט קיין שיכרות פון אַלקאָהאָל. ער טאָר זיך נישט פאַרגעסן... ער טאָר נישט פאַרגעסן די באַרבאַרישקייט פון קאַפּיטאַליזם, ער שעפּט זיינע כוחות צום קאַמף פון זיין קלאַסן־צושטאַנד, פון קאָמוניסטישן אידעאַל”..

„די צוקונפט פון דער יוגנט איז מיר נאָענט צום האַרצן. דאָס איז א טייל פון דער רעוואָלוציע”.

מיר דוכט, אז אין אונזער יידישער ווירקלעכקייט האָבן די ווערטער א באַזונדערע באַדייטונג. מיר, די יידישע יוגנט טאָר זיך נישט פאַרגעסן, נישט פאַרגעסן די באַרבאַרישקייט פון פאַשיזם. מיר דאַרפן זיך אַליין דערציען צו גרייטקייט, צו אָנשטרענגונגען, צו קרבנות, ווען מען וועט עס פון אונז פאָדערן. אזוי ווי די סאָוויעטישע יוגנט האָט אויסגעטראָגן אויף אירע פּלייצעס דעם גורל פון דער רעוואָלוציע, אזוי ווי די סאָוויעטישע יוגנט האָט געקאָנט אין די ווייען פון בויונג און שאַפונג געפינען דעם זין פון לעבן און די לעבנס־פרייד, אזוי דאַרף אויך יעדער פון אונז, יידישע יוגנטלעכע, דורכמאַכן די זעלבע רעוואָלוציע פון מענטש.

# יוגנט און דעמאקראטיע

מ. מידסקי

וועגן מהות פון יוגנט קורסירן פארשידענע טעאָריעס. דער צום מיינסטן שעדלעכער פאָראורטייל איז די טעזע, אז די יוגנט איז בלויז א ביאָלאָגישע קאטעגאָריע. איר הערט גאַנץ אָפט די מיינונג: די יוגנט איז פריש, טעמפּעראמענטפול, „רעוואָלוציאָנער" לויט דער נאטור, שטייט שטענדיק אין שפּיץ פון אַלע געזעלשאפטלעכע באוועגונגען; די יוגנט איז די טרעגערין פון יעטוועדן „נייעס" אין דער געזעלשאפט, די יוגנט איז דער „אוואנגארד" פון פאָלק. דאָס הייסט, אז די יוגנט איז כלומרשט אזא געזעלשאפטלעכער כוח, וואָס בלויז דער ביאָלאָגישער מאָמענט דעצידירט וועגן זיין כאראקטער און וועגן זיינע ווירקונגען.

קיינער וועט זיך נישט אונטערנעמען צו לייקענען דעם אקטיוון אָנטייל פון דער יוגנט אין אַלע געזעלשאפטלעכע באוועגונגען. די געשיכטע האָט אונז נישט ווייניק שטאָף און ביישפּילן געליפערט. די פּוילישע קרייזלעך פון די פילארעטן און פילאָמאטן אין מיצקעוויטשעס צייטן; די דעקאבריסטן אין רוסלאנד, וואָס זיינען באשטאנען פונם רוב יונגע אָפיצירן, דער נאָוועמבער־אויפשטאנד פון 1830 אין פּוילן, וואָס איז איניצירט געוואָרן דורך דער כאָראָנזשן־שול מיט וויסאָצקין אין דער שפּיץ, די הערלעכע געשטאלטן פון די חשמונאים—מכביער, די ראָל פון דער ארבעטער־יוגנט און סטודענטן בעת די רוסישע רעוואָלוציעס, דאָס פּרעכטיקע קאפּיטל פון קאמף פון דער דעמאָקראטישער יוגנט אין פּוילן קעגן סאנאציע־רעזשים און, כדי נישט צו מערן קיין ביישפּילן, דער אקטיווער אָנטייל פון דער יוגנט אין דער ווידערשטאנד־באוועגונג קעגן פאשיזם בכלל און קעגן דער היטלעריסטישער אָקופּאציע בפרט. דאָס איז אַלץ אמת. און דאָך איז פאלש די טעזע, אז די יוגנט איז בלויז א ביאָלאָגישע קאטעגאָריע, אז בלויז דער עלטער זאָל כלומרשט דעצידירן וועגן איר ראָל, אז זי זאָל כלומרשט שטיין אין שפּיץ פון פאָלק, אז זי איז דער „אוואנגארד" פון פאָלק, ווי איר וועט דאָס טרעפן געשריבן אפילו אין דעמאָקראטישע, פּראָגרעסיווע זשורנאלן.

שוין דער פאקט אליין, וואָס אויך דער פאשיזם האָט אויסגענוצט, און ליידער, גאנץ געלונגען, די יוגנט פאר זיינע פּאָליטישע צילן, דערלאנגט דעם שטארקסטן קלאַפּ דעם אָנגענומענעם פּאָראורטייל. די האָרדעס פון היטלער־יוגנט, פון נארא און אָ.נ.ר. אין פארמלחמהדיקן פּוילן, די פארפירטע יוגנט אין די איצטיקע נ.ס.ז.־ און ווין־באנדעס, די פארפירטע יוגנט אין די רעוויזיאָניסטישע אָפּטיילונגען פון ארגון צבאי לאומי זיינען די קאטעגאָרישסטע אָפּלייקענונג פון דער „רעוואָלוציאָנערער" ראָל פון דער יוגנט פון זיך גופא. דער ביאָלאָגישער מאָמענט שפּילט אומבאדינגט א קאָלאָסאלע ראָל (מיר וועלן וועגן דעם רעדן אונטן) אָבער ער איז נישט דער דעצידירנדיקסטער, ער איז נישט דער פּרימאַט.

די יוגנט אונטערליגט קודם־כל די אלגעמיינע געזעצן פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט, במילא אויך דער סאָציאלער דיפערענציאציע. אמת, זי איז מסוגל צוליב איר נאטור (דאָ הויבט אָן ווירקן דער ביאָלאָגישער מאָמענט) גיכער אויפצונעמען דאָס נייע אין דער געזעלשאפט, דאָס פּראָגרעסיווע, זי איז אָבער נישט די שעפערין פונם נייעם, זי איז נישט די שעפערין פונם פּראָגרעסיוון. דאָס נייע אין דער געזעלשאפט, דאָס פּראָגרעסיוו־שעפערישע ברענגט אריין דער פּראָגרעסיווסטער קלאס פון דער געגעבענער היסטאָרישער פאָרמאציע, אין אונזער עפּאָכע — דער ארבעטער־קלאס, וואָס איז דער אוואנגארד פון דער פּראָגרעסיווער באוועגונג, פון דער עכטער דעמאָקראטיע. בלויז ער איז דער דעצידירנדיקסטער פאקטאָר אין אונזער געזעלשאפט, בלויז ער דערשיינט ווי דער דערציער און פירער פונם פאָלק און במילא אויך פון דער יוגנט. שוין דער פאקט גופא, וואָס די יוגנט דארף ערשט דערצויגן ווערן, רעדט וועגן דער יוגנט, ווי וועגן אן אָביעקט און נישט ווי וועגן א סוביעקט פון דער געזעלשאפט, און דאָס איז חל אויך אויף אונזער עפּאָכע.

די דערפארונג פון אלע געשיכטלעכע עפּאָכעס און באזונדערס פון דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט אונז געוויזן, אז די יוגנט איז געווען אומעטום. זי איז געווען אין דעמאָקראטישן לאגער, זי איז אָבער אויך געווען אין רעאקציאָנערן, אין פאשיסטישן לאגער.

צי קאָן מען דערפון מאכן דעם אויספיר, אז דאָס איז א נאָרמאלע געזעלשאפטלעכע דערשיינונג; אז מחמת דעם, וואָס די יוגנט איז סאָציאל דיפערענצירט, ווי די געזעלשאפט בכלל, דארף זי דעריבער גיין מיטן קלאס פון איר אָפּשטאמונג, כאָטש ער איז רעאקציאָנער, פאשיסטיש און שלעפּט די געשיכטע אויף צוריק? ניין. אזא אויספיר מאכן וואָלט געהייסן מאכן א גרויסן פעלער.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די יוגנט איז סאָציאל דיפערענצירט לויט איר אָפּשטאמונג דארף זי נישט זיין פּאָליטיש דיפערענצירט, דארף זי נישט גיין מיט דער רעאקציע, מיטן פאשיזם. עס זיינען פאראן אלע געגעבענע דערויף, אז די גאנצע יוגנט, אָן אונטערשיד פון איר סאָציאלער אָפּשטאמונג זאָל זיך באהעפטן מיט דער דעמאָקראטיע, זאָל צושטיין צום פּראָגרעסיוון לאגער.

אין דער געשיכטע האָבן נישט איין מאָל שוין געטראָפן פאלן, ווען טיילן פון דער יוגנט, וואָס האָט געשטאמט פון די אונטערגייענדיקע קלאסן האָט זיך פון זיי אָפּגעקערט און אריבער צום פּראָגרעסיוון קלאס, צו דער דעמאָקראטיע פון זייער עפּאָכע. אזוי איז געווען בעתן ציקל פראנצויזישע רעוואָלוציעס, אזוי איז געווען בעת די פּוילישע אויפשטאנדן, אזוי איז געווען בעת די רוסישע רעוואָלוציעס. די רוסישע אריסטאָקראטיע האָט אויפן ראנד פון איר אונטערגאנג ארויסגעגעבן נישט ווייניק יונגע מענטשן, גרויסע גייסטער פון פּראָגרעס און דעמאָקראטיע. אזוי איז געווען ביי אלע פעלקער, אזוי איז געווען אויך ביי אונז יידן.

נאָר אויב אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט זיינען דאָס געווען פאלן פון א ספּאָראדישן כאראקטער איז די לאגע היינט פון דער יוגנט, פון דער גאנצער יוגנט אזא, אז זי קאָן און דארף גיין מיט דער דעמאָקראטיע קעגן רעאקציע, קעגן פאשיזם.

קודם, איר אָביעקטיווע לאגע. די רעאקציע שאפט היינט אזעלכע פּאָליטישע באדינגונגען, וועלכע זיינען געווענדט קעגן דער עצם־עקזיסטענץ פון דער יוגנט ווי אזא. מלחמה איז געוואָרן דער איינציקער און לעצטער באַרוף פון דער רעאקציע. זי באמיט זיך אויפצוהאלטן איר עקזיסטענץ בלויז אויפן יסוד פון פעלקער־שנאה, פון פעלקער־קאָנפליקטן, פון מלחמה צווישן פעלקער. דאָס באדייט אומברענגען אין דער ערשטער ריי, (ווייל אין אלגעמיין איז מלחמה געווענדט קעגן אלעמען) די יוגנט. זי ווערט דער ערשטער קרבן פון אלע טיוורלאָנישע פּלענער פון דער רעאקציע. די יוגנט מאכט פּלענער פון איר צוקונפטיק לעבן; שטודירט, ארבעט, כדי זיך אין לעבן איינצואָרדענען, צו פארנעמען א פּאָזיציע אין לעבן. מעגלעכקייטן דערויף גיט איר בלויז די דעמאָקראטיע, וואָס איז פּראָדוקטיוו, שעפעריש, וואָס פארבינדט דעם היינט מיטן מאָרגן. צונעמען אָט די אלע מעגלעכקייטן, אָפּהאַקן די טרוימען צוזאמען מיט די קעפּ באמיט זיך די רעאקציע, די רעשט פון פאשיזם. די יוגנט האָט דעריבער א בלוטיקן אינטערעס צו זיין קעגן יעטוועדן איינעם, וואָס גרייט מלחמה, וואָס שטערט די רויקע, אָרגאנישע ארבעט, וואָס וויל ביי איר אָפּשניידן דעם מאָרגן פונם היינט. אלזאָ, גאנץ קאָנקרעטע אָביעקטיווע סיבות זיינען פאראנען, וואָס שטויסן די יוגנט טאקע דערפאר ווייל זי איז יוגנט, ווייל זי שטעלט מיט זיך פאָר א טייל פון דער געזעלשאפט פון א באשטימטן עלטער צו זיין מיט דער דעמאָקראטיע און קעגן רעאקציע. דאָ דארפן מיר אין דער געהעריקער מאָס אויסנוצן דעם ביאָלאָגישן מאָמענט, וואָס גייט אויף דער האנט פון דער דעמאָקראטיע און קעגן פאשיזם.

(סוף זייט 12)

יצחק ווארשאווסקי

# פון פינצטערניש ביז ליכט



30 יאָר אָקטאָבער־רעוואָלוציע! דאָס איז דער בעסטער ענטפער די אַלע, וועלכע קאָנען נישט באַנעמען די סיבות פון נצחון פון סאָוויעטנפארבאנד איבער דעם דייטשישן פאשיזם. די זעלבע פארשטייען נאָך אַלץ נישט, ווו עס ליגט דער סוד דערפון, וואָס דאָס סאָוויעטנלאַנדפארנעמט אין אונזער וועלט אַן ערשטראנגיק אָרט אין אַלע דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט, קולטור, קונסט און טעכניק, וואס די מענטשהייט האָט לעצטנס צו פארצייכענען.

עס איז נאָך אַלץ שווער צו פארשטיין, ווי אזוי אין משך פון דרייסיק יאָר האָט דאָס אָפּגעשטאַנענע צארישע רוסלאַנד געקאָנט פארוואנדלט ווערן אין א בליענדיק לאַנד מיט א גרויסער טעכניק, מיט אַן אנטוויקלטער קולטורעלער געזעלשאַפט, א געזעלשאַפט פון שטארקע מאָראַלישע בירגער, א געזעלשאַפט מיט א הויכן קולטורעלן ניוואָ.

שווער איז זיך פאָרצושטעלן, אַז דרייסיק יאָר — אַן אָפּשניט, וואָס פאַר דער געשיכטע פון פעלקער האָט עס טיילמאָל נישט קיין גרויסע באַדייטונג, האָבן דערפירט דערצו, אַז דער אַנאַלפאַבעטיזם, וואָס האָט געהערשט אין רוסלאַנד, זאָל פולשטענדיק ליקווידירט ווערן.

דאָס לאַנד, וואָס פארנעמט איין זעקסטל פון דער גאַנצער וועלט, מיט א באַפעלקערונג פון 200 מיליאָן בירגער, וועלכע פארשטענדיקן זיך אויף צענדליקער שפּראַכן, פעלקער מיט פארשידענע קולטורן, נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן און טראַדיציעס האָבן דאָך באַוויזן צוזאַמען שאַפן אָט דעם גרויסן מאָראַלישן כוח פון היינטיקן סאָוויעטפארבאַנד, אָט דעם כוח, מיט וועלכן עס שטאָלצירט די גאַנצע פּראָגרעסיווע מענטשהייט. ווו ליגט דער סוד פון אָט די דערגרייכונגען?

אין סאמע ברען פון דער רעוואָלוציע האָט די יונגע סאָוויעטנמאַכט פארשטאַנען, אַז כדי איינצוהאַלטן די גרויסע צאַרישע אימפּעריע אין די הענט פון די ארבעטער און פויערים, מוז אנטשטיין אַן אנטוויקלטער קולטורעלער ארבעטער און פויער, וועלכער זאָל זיין באַוווסטזיניק און זאָל וויסן פארוואָס ער קעמפט און ווי אזוי ער דאַרף ווייטער בויען און פארטיידיקן זיין ניי סאָציאַליסטיש פאָטערלאַנד.

און שוין דעמלט שטעלט זיך די יונגע ראַטנמאַכט אַלס איינע פון אירע אויפגאבן איינצופירן אַלגעמיינע פאָלקס־בילדונג, פולע ליקווידירונג פון אַנאַלפאַבעטיזם, צוגרייטן א נייעם טיפּ סאָוויעטישן געלערנטן, סאָוויעטישן דערפינדער, טעכניקער, קינסטלער, ארטיסט א.א.וו.

אָט דאָ ליגט דער גרויסער סוד און כוח פון די 30 יאָר אָקטאָבער. שאַפן א קולטורעלן, שטאַרק מאָראַלישן בירגער, אין קעגנזאַץ צו דער טאַקטיק פון צאַרישן רעזשים. איצט, נאָך 30 יאָר, קאָנען מיר שוין אונטערפירן דעם סך־הכל פון דער אָפּגעטוענער ארבעט. די ציפערן אַליין וועלן רעדן און דערוויזן פיגוראַנען ס'האָט זיך גענומען אָט דער געוואַלדיקער וווקס פון סאָוויעטישע ספּעציאַליסטן, דערפינדער און פארוואָס דאָס אָפּגעשטאַנענע רוסלאַנד איז פארוואַנדלט געוואָרן ביי דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג אין איינער פון די מעכטיקסטע מלוכות אין דער וועלט.

אין יאָר 1914 האָבן די מיטלשולן אין גאַנץ רוסלאַנד געציילט 995 טויזנט שילער. אין יאָר 1941, ערב דער מלחמה האָט די ראַטנפארבאַנדישע מיטלשול געציילט העכער 12 מיליאָן שילער. אין 1914 האָבן אַלע הויכשולן געציילט 112 טויזנט סטודענטן און פאַר דעם היטלעריסטישן אָנפאַל איז די צאָל דערגאַנגען ביז 650 טויזנט. אין משך נאָר פון די ערשטע 20 יאָר ראַטנמאַכט זיינען אויסגעבויט געוואָרן שולן אזוי פיל וויפל אין די לעצטע 200 יאָר צאַרישן רעזשים. אין די אָנהייב־ און מיטל־שולן לערנען זיך העכער 40 מיליאָן שילער. נאָר אין די יאָרן 1938—42 איז צוגעגרייט געוואָרן 600 טויזנט לערער פאַר די שולן. די טויערן פון די הויכשולן זיינען געוואָרן פריי פאַר אַלע בירגער פון דעם גרויסן לאַנד. נישט אומזיסט איז אזוי געוואַלדיק געוואַקסן די צאָל הויכשולן און סטודענטן. פאַר דער רעוואָלוציע האָט ווייסרוסלאַנד נישט פארמאָגט קיין איין אוניווערסיטעט, היינט — 22 הויכשולן, אזערביידזשאַן — 13, ארמעניע — 8, אוזבעקיסטאַן — 30, טורקעסטאַן — 5, קאַזאַכסטאַן — 19, קירגיזיע — 4, גרוזיע, וועלכע האָט געהאַט פאַר דער רעוואָלוציע 1 הויכשול מיט 300 סטודענטן פארמאָגט ביי היינטיקן טאָג 18 הויכשולן מיט 21800 סטודענטן. אין דער גאַנצער צאַרישער אימפּעריע פלעגן דערשיינען 859 צייטונגען און זשורנאַלן מיט א טיראַזש פון 2 מיליאָן 700 טויזנט, ביי דער ראַטנמאַכט איז די צאָל געוואַקסן ביז 8.500 מיט א טיראַזש פון 37 מיליאָן 500 טויזנט. עס דערשיינען ביכער אויף 111 שפּראַכן. נאָר אין די ערשטע 20 יאָר ראַטנמאַכט האָבן 40 מיליאָן בירגער זיך אויסגעלערנט שרייבן און לייענען. גלייכצייטיק דערמיט, ווי די ראַטנמאַכט האָט געבויט די שווער־אינדוסטרי, כדי צו פארזיכערן די פארטיידיקונג פון לאַנד און די עקזיסטענץ פון די ארבעטער־מאַסן, אזוי איז אויך אין משך פון 30 יאָר געלייגט געוואָרן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דער אנטוויקלונג פון סאָוויעטישן מענטש. אין דער צייט, ווען די דייטשישע רוצחים האָבן געברענט אויף די גאַסן די ביכער פון די וועלט־קלאַסיקער האָט דער ראַטנפארבאַנד ארויסגעלאָזט אין מיליאָנען עקזעמפּליאַרן אָט די ביכער פאַר אירע בירגער.

באַלזאַק, וויקטאָר הוגאָ, אַנאַטאָל פראַנס, ראָמען ראָלאַן, זיינען געדרוקט געוואָרן אין טיראַזש פון 15 מיליאָן יעדער. אין 10 מיליאָניקע טיראַזשן זיינען דערשינען די ביכער און ארבעטן פון די א.ג. „פארפלוכטע יודען", די ווערק פון איינשטיין, שפּינאָזע, היינע א.א. די ביכער פון די רוסישע קלאַסיקער זיינען פארשפּרייט געוואָרן אין פיל מיליאָנען, פּושקין — 20 מיליאָן, לעוו טאָלסטאָי — 15 מיליאָן א.א.וו.

אויך די יידישע קלאַסיקער זיינען פארשפּרייט געוואָרן גלייך מיט אַנדערע, שלום עליכם אין א טיראַזש פון 3,5 מיליאָן ביכער און איז איבערזעצט געוואָרן כמעט אין אַלע שפּראַכן פון די פעלקער פון ראַטנפארבאַנד. דער סאָוויעטישער מענטש האָט געהאַט א מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט מוזיק, מאָלעריי און קונסט דורך די טויזנטער קאָנצערטן און פאָרשטעלונגען. בלויז טעאַטערס פארמאָגט דער ראַטנפאַרבאַנד טויזנט, קינאָס — 30 טויזנט. אַלץ ווערט אין ראַטנפארבאַנד צוגעגרייט פאַר מיליאָנען. די גרעסטע ביבליאָטעק אין דער וועלט, די לענין ביבליאָטעק ציילט 12 מיליאָן בענדער.

די יידישע מאַסן, וועלכע האָבן פאַר דער רעוואָלוציע נישט געהאַט קיין שום צוטריט צו דער צאַרישער שול האָבן אדאַנק דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע באַקומען די פולע מעגלעכקייט צוגלייך מיט אַלע פעלקער פון ראַטנפארבאַנד צו געניסן פון דער פרייער שול. גענוג איז דער פאַקט, אַז אין מאָסקווער אוניווערסיטעט טראָגט אויס די צאָל יידן 23 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער צאָל סטודענטן. פאַר דער רעוואָלוציע זיינען געווען געציילטע סטודענטן יידן אין די הויכשולן. פון 100 סטאַלינישע סטיפּענדיאַנטן אין מאָסקווער אוניווערסיטעט זיינען 20 יידן. אויך א גרויסער טייל פּראָפעסאָרן אין די הויכשולן זיינען יידן. אויף דער אַלגעמיינער צאָל אַספּיראַנטן אין לאַנד ציילן די יידישע 17,8 פּראָצ.

ווי ווייט די ראַטנמאַכט זאָרגט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט קאָן עדות זאָגן דער פאַקט, אַז די מאָסקווער וויסנשאַפט־אקאַדעמיע ציילט 15 טויזנט געלערנטע. די אויבנדערמאָנטע ציפערן כאַראַקטעריזירן גענוי, וועלכע מעגלעכקייטן עס זיינען געשאַפן געוואָרן פאַר דער גייסטיקער אנטוויקלונג אין ראַטנפאַרבאַנד. נאָך די 30 יאָר אָקטאָבער, קאָן מען פעסטשטעלן, אַז אין דעם געוועזענעם אָפּגעשטאַנענעם לאַנד, אין וועלכן עס האָט געהערשט פינצטערניש, איז דורך דעם אָקטאָבער אָנגעצונדן געוואָרן א גרויסער פלאַם, וואָס באַשיינט דאָס לאַנד. דער דאָזיקער פלאַם האָט א סוף געמאַכט צו דער פינצטערניש.




ס'איז שווער איבערצוגעבן מיט פשוטע ווערטער אונזער שטימונג אין לאגער ערב די אקטאבער־טעג פון 1944 יאר. מיר האבן שוין דעמלט געפילט, אז דאס איז דער „אנהויב פון סוף" פון דעם גרויזאמען קאשמאר און פון היטלערס מאכט. געפילט האבן מיר עס פון די קנאפע ידיעות פון דייטשישע צייטונגען, וועלכע די דייטשע יידישקע, די אלטע מאריאננע האט צו אונז אריינגעשמוגלט, געפילט האבן מיר עס פון דער דייטשער נערוועזיטעט, פון די אפטע לופט־אלארמען און אמבולטסטן האבן מיר עס געפילט פון די אפטע אין שטארקע אויפרייסן פון די סאוויעטישע באמבעס, וועלכע זיינען געפאלן פון סאוויעטישע עראפלאנען איבער דער גראנאטן־פאבריק, ווו מיר האבן געארבעט.

און דאס אלעס האט אונז געוועקט, דאס האט אונז פארשקלאפטע און געפייניקטע יידישע פרויען פון כמעט אלע אייראפעישע לענדער, געשטארקט צו ווידערשטאנד. מיר האבן זיך ארגאניזירט אין קאנספיראטיווע גרופן, באשליסנדיק אויף ווי ווייט מעגלעך צו באשווערן די דייטשן זייער ארבעט אין די קריגס־פאבריקן און נישט ליכט אוועקצוגעבן אונזערע לעבנס. אלע פרויען, וועלכע האבן זיך נישט געלאזט אריינשלעפן אין דעם שרעקלעכן מאראלישן תהום, אין וועלכן די ס.ס.־לייט, האבן אונז געשטופט, האבן זיך געגרייט צום קאמף. אין יעדן בלאק זיינען געווען קאנספיראטיווע גרופן מיט רעפערענטן. די נשמה פון אלעם איז טאקע געווען די אויסגעדארטע נישט באמערקבארע מאריאננע, א געוועזענע רעדאקטארין פון א לינקער צייטונג אין בערלין. זי איז געווען דער טעארעטיקער און דער אנפירער פון רעפערענטן־קרייז.

נאך א חודש צייט פאר די אקטאבער־טעג, האבן מיר זיך אנגעהויבן גרייטן צו דער פייערונג אין יעדן בלאק באזונדער. פון מענער־לאגער האבן מיר באקומען הילף. זיי האבן פאר אונז געזאמלט פאפיראסן און מארקן צו קויפן ווייַן. צוליב קאנספיראציע־צוועקן האבן מיר באשלאסן. אז אין דעם טאג, ד.ה., דעם 7־טן נאוועמבער 1944 וועט אין יעדן בלאק אן אנדערע פרוי פייערן איר מכלומרשטן געבורטס־טאג.

דער יארטאג פון דער גרויסער רעוואלוציע האט זיך דערנענטערט. מיר זיינען געווען באהערשט פון א נערוועזער שטימונג. ס'איז דאך נישט קיין קלייניקייט. מיר גרייטן זיך דאך צו פייערן דעם יום־טוב פון דער רעוואלוציע, וועמענס זיג עס קאן פארזיכערן א בעסערן מארגן אויף דער וועלט אויך פאר אונזער געפייניקט פאלק. מיר האבן שוין „ארגאניזירט" ליכט, כדי צו זיין פארזארגט אין פאל פון א לופט־אנפלי־אלארם. לכבוד יום־טוב האבן מיר באשלאסן צו באקן טארטן. ס'איז נישט קיין לייכטע זאך, ווען מען מוז זיך אויף טריט און שריט היטן פאר די דייטשע אויגן. אבער ס'איז געלונגען. פון דעם שווארצן ברויט, וואס מיר האבן באהאלטן פון נעכטיקן אוונטברויט, צוזאמען מיט א ביסל מארמאלאד האבן מיר אויסגעבאקן אין פאבריק אויף גליענדע בלאכן 3 גראטענע, ממש מאנדל־טארטן. איצט זיינען נאך גרויסע שוועריקייטן מיט אריינשמוגלען דאס אלעס אין לאגער אריין, ווייל אפט קומען פאר רעוויזיעס. נאר דאס „גליק" האט אונז צוגעשפילט. אלץ איז שוין גרייט. די פריטשעס אויפן „דריטן" שטאק, ווו סדארפן פארקומען די פייערונגען זיינען שוין אפילו אויסגעצירט מיט רויטע שמאטקעלעך און פארשפרייט מיט צייטונגען. אין גרוים שפאנונג ווארטן מיר ביז ס'וועט פינצטער ווערן און די מלאכי־הבלים, די עסעסאווצעס וועלן זיך



באוואפנטע ארבעטער בעת דער רעוואלוציע

אפטראגן צו אלדע רוחות אין זייער בלאק אריין. דער פראגראם איז שוין אויך פארטיק. מאריאננע דארף האלטן אין אלע בלאקן דעם רעפעראט און איך דארף עפענען מיט א ליד. „דער רוף פון לענין". ס'קלאפט ביי מיר דאס הארץ און איך ציטער. איך נעם זיך איבער מיט מיין ראל, ווי נאך קיינמאל נישט. איך וויים, אז איך מוז מיט מיין זינגען וועקן און רופן, איך מוז אלע אנצינדן און צוגעבן כוח איבערצוהאלטן דאס שרעקלעכע. און עס איז מיר געלונגען. איך זינג שטארקער און שענער, ווי געוויינלעך. ווי ספעציעל פאר אונז געשאפן, פון טיפן הארצן פליסן די ווערטער פונם ליד:

„זאל טאגן א דארט, ווו ס'האט נאך נישט געטאגט"

„מיט ווערטער מיט פראסטע האט לענין געזאגט"

„דאס ליכט אהין, ווו סאיז שטענדיק נאכט"

„האט לענין געזאגט".

דערביי צעטיילן מיר די מתנות, וועלכע מיר האבן באקומען פון די מענער — די פאפיראסן.

מיר באארבעטן אין דער פינצטער אלע בלאקן. די אימפאזאנטסטע פייערונג איז פארגעקומען צום סוף אויפן בלאק פון דער נאכטשיכטע, דא איז געווען דאס מיינסטנס באדראטע ארט, נישט ווייט פון די עלעקטריזירטע דראטן, הינטער וועלכע ס'איז געשטאנען די וואך. דא האט אבער געוווינט האנקע ערליך, אונזער פלעגערין. אונטער איר בעט איז געווען באגראבן אביסל צוגעגרייט געווער און אן איזאלירטע שער און אויבן האבן מירביים שיין פון אונזערע ליכטלעך געפייערט אונזער יום־טוב. דא האבן מיר זיך פארזאמלט א גרופע יידישע פרויען פון פוילן, דייטשלאנד, פראנקרייך, בעלגיע, האלאנד, טשעכיע, און אנדערע און אויך א געוועזענע קעמפערין פון שפאניע. אינמיטן אונזער פייערונג האבן זיך צעשריגן די סירענעס און באלד הערן זיך שטארקע אויפרייסן פון סאוויעטישע באמבעס. אויף קיין בעסערן גאסט פאר אונזער פייערונג האבן מיר זיך נישט געקענט ריכטן. אין דער פינצטער זעצן מיר פאר אונזער שמחה. פון טיפן הארצן פליסן די רעוואלוציאנערע לידער אין פארשידענע שפראכן, דערנאך דעקלאמירט מען ביי דעם אקאמפאניאמענט פון די באמבע־אויפרייסן. טראץ אלע באמיונגען האבן מיר קיין וויין נישט געקענט קריגן פאר די געזאמלטע מארקן. מיר האבן נאר באקומען מינעראל־וואסער און מיר זיינען זיך דערמיט אויך משמח. א סיורפריז איז געווען דאס עפעלע, וואס עס איז אונז געלונגען צו „ארגאניזירן".

ביז שפעט אין דער נאכט דויערט אונזער פייערונג. מיר זיצן אויף די פריטשעס, דעקלאמירן און זינגען. פול מיט האפענונג קלינגט אונזער הימן, געשאפן אין אשוויענטשים, אויף דער מעלאדיע פון דעם ליד: „הודזשען די מאשינען". אלע זיינען מיר אויפגעמונטערט. די אויסגעדארטע פנימער שיינען און די אויגן פון יעדער פרוי באזונדער זיינען פארנעפלט פון די פליסנדע הארציקע טרערן. אמטיפסטן איז גערירט מאריאננע. ווען איך האב זיך מיט איר געטראפן אין דער פינצטער צווישן 2 בלאקן האט זי מיך ארומגעכאפט און צעקושט, אירע אויגן שיינען אין דער פינצטערניש. אט די ליכטיקע אויגן פון דער איבער 60־יעריקער פרוי צינדן אין מיר אן א האפענונג און א טיף־גערירטע פארזיכער איך איר, אז איך וועל איר נאך זינגען אמאל אויף דער פריי.

ס. שטערנפעלד

# דאָס יידישע טעאַטער אין מאָסקווע

די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט צעבראָכן די קייטן פון יאָך און פאַרשקלאַפונג, וועלכע האָבן יאָרהונדערטער געצוימט די שעפערישע קרעפטן פון די פעלקער פון גרויסן צארישן רוסלאַנד. צוזאַמען מיט אַנדערע באַפרייטע פעלקער האָט אויך דאָס יידישע פאָלק — דאָס אַמשטאַרקסטן אונטערדריקטע—באַקומען אַ מעגלעכקייט פריי צו אַנטוויקלען זיין קולטור. איינע פון די שענסטע דערגרייכונגען אויף דעם געביט פון דער סאָוויעטיש־יידישער קולטור איז בלי ספק דער סאָוויעטישער יידישער טעאַטער, וועלכער האָט פאַרענדיקט מיט די אַמאָליקע לאָזונגען וועגן „קונסט לשם קונסט” און זיך געשטעלט קאָנקרעטע אויפגאַבן אין פאַרבינדונג מיט דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט:

דער קינסטלער, רעזשיסער, אַקטיאָר דאַרף העלפן איבערבויען דעם מענטשן, ענדערן די צוריקגעשטאַנענע מענטשלעכע פּסיכיק און שטעלן זיך אויפן וועג פון דער נייער ווירקלעכקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע פּראָבלעמען האָבן זיך באַלד געלאָזט לייזן — דער וועג פון שפּעטערדיקן דערפאָלג האָט אָפטמאָל דורכגעמאַכט גרויסע זיגזאַגן.

דער מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער, אָדער ווי מען רופט אים אַנדערש „גאָסעט” (גאָסודאַרסטווענני יעווריעיסקי טעאטר), איז געגרינדעט געוואָרן אין לענינגראַד אין 1919 אונטערן נאָמען „יידישע טעאַטער־סטודיע”, שפּעטער איז די סטודיע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאָסקווער יידישער קאַמער־טעאַטער און ערשט אין איניקע יאָרן אַרום, ווען ס'איז אַנטשטאַנען די נויטווענדיקייט אויסצוברייטערן דעם רעפּערטואַר, האָט דער טעאַטער באַקומען זיין איצטיקן נאָמען און אויסזען.

אין די ערשטע יאָרן איז דער טעאַטער באַהערשט געווען פון די דעמלט דאָמינירנדיקע קאָנסטרוקטיווע שיטות, ווי פוטוריזם און קוביזם. די אַקטיאָרישע שפּיל האָט געטראָגן אַ סימבאָליש אַבסטראַקטן כאַראַקטער, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אויך אין מאַרק שאַגאַלס דעקאָראַציעס, וועלכע האָבן דערווייטערט דעם אַקטיאָר פון רעאַליזם. מ'קאָן זאָגן, אַז ביז צום יאָר 1927 האָט דאָס טעאַטער נאָך טיילווייז געבלאָנדזשעט אין אַ פאַרכשופטער, אַבסטראַקטער וועלט. ערשט פון דער שטעלונג „בנימין השלישי” פון מענדעלען, איז ער — הויפּטזעכלעך אַדאַנק מיכאָעלסעס רעאַליסטישן צוגאַנג צו דער ראָל פון בנימין —אַרויף אויף דעם וועג פון רעאַליזם, כאָטש שוין דאַן האָט דער טעאַטער געהאַט אויף זיין פּאָזיטיווער קאָנטאָ אַזעלכע שטעלונגען, ווי „אַגענטן”, „מזל־טוב”, „דאָס גרויסע געווינס” פון שלום־עליכם, „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק” — פון פּרצן, „דאָס צענטע געבאָט” פון גאָלדפאַדען, „מסיע טרנאַדעק” פון זשול ראָמען און אַזוי ווייטער.

פון 1927 הויבט זיך אָן דער ריכטיקער וועג פון סאָוויעטישן יידישן טעאַטער — דער וועג פון דערפאָלג און רום, ווען די אַקטיאָרישע שפּיל הויבט אָן שפּרודלען מיט ריין־מענטשלעכער הומאַניטאַרער ליבע, מיט סאָציאַלן פּראָטעסט און רופט צו פאַרווירקלעכן דאָס נייע לעבן. „דער טויבער” בערגעלסאָנס, „משפּחה אָוואַדים” פון פּ. מאַרקיש און „טוביה דער מילכיקער” פון שלום־עליכם, האָבן דעראָבערט אָנערקענונג ביי אַלע. „קעניג ליר” פון שעקספּירן איז דורך די גרעסטע בינע־קינסטלער און קריטיקער דערקלערט געוואָרן אַלס מייסטערשטיק. איינער פון די גרעסטע ענגלישע רעזשיסאָרן און שעקספּיראָלאָגן, גאָרדאָן קרעג, האָט נאָכן ספּעקטאַקל אויסגעדריקט זיך, אַז ער האָט זעלטן געזען אַזאַ פאָרשטעלונג. די זעלבע מיינונג האָבן אַרויסגעזאָגט פיל אייראָפּעישע שרייבער און אַקטיאָרן, ווי ליאָן פויכטוואַנגער און אַנדערע.

די פאָרשטעלונג „פריילעכס” האָט באַקומען די העכסטע אויסצייכענונג פון ראַטנפאַרבאַנד — די סטאַלין־פּרעמיע.

יעדער ספּעקטאַקל איז אַ סינטעז פון אַלע אַקצעסואַרן, וועלכע קאָנען נאָר ווערן אויסגענוצט אין טעאַטער ווי צ.ב.: אַ גלענצנדיקער דרייסיקפּערזאָניקער אָרקעסטער, אָנגעפירט דורך אַזאַ ספּעציאַליסט ווי דער קאָמפּאָזיטאָר ליעוו פּולווער, וועלכער פאַרבינדט תמיד אָרגאַניש די מוזיק מיט דער פּיעסע, די בעסטע מאָלער־דעקאָראַטאָרן מיט נאַטאַן אַלטמאַן בראַש, וועלכע לייגן צו זייער גאַנצע טעאַטראַלע רייכע פּראַקטיק און אינוועגק, כדי צו פאַרבינדן די עלעמענטן פון ליכט און שאָטן מיט די קלאַנג־עפעקטן, און דער עיקר אַ מייסטערישע אַקטיאָרישע שפּיל, מיט וועלכער עס פירט אָן איינער פון די גרעסטע סאָוויעטישע קינסטלער — פּראָפּ. שלמה מיכאָעלס.

ס'איז נישט מעגלעך צו שרייבן וועגן מאָסקווער יידישן טעאַטער און נישט אָפּשטעלן זיך באַזונדער אויף דער פּערזאָן, וועלכע שטייט אין זיין שפּיץ. אַ מענטש מיט אַ געוואַלטיקן אינטעלעקטועלן באַגאַזש — אַ דענקער, אַ גלענצנדיקער אָראַטאָר, אַ טאַלאַנטפולער אַרטיסט, רעזשיסאָר, פּעדאַגאָג און אָרגאַניזאַטאָר, וועלכער שטייט ביים רודער פון טעאַטער אַפילו דאַן, ווען ער שטייט אויף דער סצענע.

ס'איז גענוג צו זאָגן הינטער די קוליסן, אַז סאַמועל מיכאַילאָוויטש איז דאָ אין זאַל, אַז אַלע אַרטיסטן, יונג און אַלט, זאָלן אָנהייבן שפּילן אַנדערש... ווייל מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ווען מען שפּילט אַ ספּעקטאַקל צום 500־סטן אָדער 600־סטן מאָל, שפּילט זיך שוין נישט מיט אַזאַ פייער און ברען, ווי צום צענטן אָדער 20־סטן מאָל. אָפט ווערט אַזאַ ספּעקטאַקל אויסגעוועפּט, פאַרלירט די פרישקייט. ס'האָט אַמאָל געטראָפן, אַז מיכאָעלס איז ביינעווען אַזאַ מין פאַר־שטעלונג „אינקאָגניטאָ” ביזן סוף -- ווייַ, ווייַ, וואָס ס'האָט זיך דאַן געטאָן...

פאַר די סטודענטן האָט מען ספּעציעל געמאַכט פאַרזאַמלונגען אין טעאַטער־סטודיע, ווו מיכאָעלס האָט אין פלאַמיקע רעדעס געטאַדלט אַזאַ „בעל־מלאכהשע” — ווי ער האָט עס אָנגערופן — באַציונג צו קונסט.

די טעאַטער־סטודיע אויף סטאָלעטשניקאָוואַ 8 — די „לאַבאָראַטאָריע” פון די צוקונפטיקע אַרטיסטן — איז איינע פון די בעסטע אין לאַנד. אין 1945 האָט אונזער דערמאָנטיקער דריטער קורס אויף אַן אַלגעמיינעם טעאַטראַלן אַרויסטריט אין „וסעסאָיוזנאַיע טעאַטראַלנאַיע אָבשעסטוואָ” פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט צווישן אַלע טעאַטראַלע לערן־אַנשטאַלטן אין ראַטנפאַרבאַנד. אויב מיר וועלן נעמען אין אַכט, אַז דער לערער־פּערסאָנאַל באַשטייט פון אַזעלכע גרויסע מייסטערס, ווי פּראָפּ. מיכאָעלס, פאָלקס־אַרטיסט זוסקין, פאַרדינסטפולע אַרטיסטין שרה ראָטבוים (אַ שוועסטער פון אונזער גאַסט ח' יעקב ראָטבוים), אַזאַרך (די פרוי פון באַוווסטן רעזשיסער גראַנאָווסקי) און אַז די אַלגעמיינע לימודים לערנען אַזעלכע באַוווסטע טעאַטער־טעאָרעטיקער, ווי פּראָפּ. דאָברושין, אויסלענדער, פאַלקאָוויטש, ביעלענקי, פּאָדריאַטשיק א.א. וועלן מיר פאַרשטיין, פאַרוואָס ס'קומען אָפּט רוסישע יוגנטלעכע זיך פאַרשרייבן אין סטודיע. אַלס בעסטער באַווייז פון פעלקערלעכער פאַרברידערונג קאָן דינען דער פאַקט, אַז מיט מיר צוזאַמען האָט געענדיקט אַ רוסיש מיידל ניקיפיעראָווא, וועלכע רעדט אַ יידיש נישט ערגער פון מיר און אַרבעט איצט אין ביראָבידזשאַנער יידישן טעאַטער.

אַלע סטודענטן פון אונזער אַרויסלאָז האָבן באַקומען אַרבעט אין די יידישע טעאַטערן פון לאַנד — איניקע זיינען געבליבן אין מאָסקווער טעאַטער — די יידישע יוגנט פון פּוילן, וועלכע האָט גענאָסן פון דער גאַסטפריינטלעכקייט פון דער סאָוויעטן־מאַכט, האָט נאָכן פאַרענדיקן די לערע זיך אומגעקערט קיין פּוילן און זיך אַריינגעגאָסן אין די עקזיסטירנדיקע טעאַטערן. די ח"ח סטאָלאַרסקאַ און מייזלער אַרבעטן אין נידערשלעזישן טעאַטער, די ח"ח ראָזענבוים און שטערנפעלד האָבן פאַרגרעסערט דעם לאָדזשער קאָלעקטיוו.

די אַלע סטודענטן זיינען געקומען באַרייכערטע מיט די דערפאַרונגען און דערגרייכונגען פון סאָוויעטישן טעאַטער און זיי וועלן זיך זיכער באַמיען, אַז די לערע, וואָס זיי האָבן באַקומען, זאָל נישט גיין לאיבוד.

... א צעיאכמעטער, אן ערנסט פארנומענער, האט דאס 14־יאריקע יינגל אין זעלנערישן אוניפארם נישט אויפגעהערט מיט הונגעריקע אויגן צו חלומען וועגן גיין אין שלאכט־אויסשפירונג, באגעגענען פיינטלעכע טאנקען מיט פלאשן שארפער פליסיקייט, אין פארבארגנקייט שטעלן זיך אין פינצטערער נאכט אויף שלאכט־פאסטנס — דער מארך, דאס גאנצע בלוט האט אין דעם קליינעם סאלדאט געווירט פון בענקשאפט זיך אויסצולאדן, אויסצולעבן די אפגעפילטע ווייטיקן פון זיין מאמען מיטן ברעקל קינד אויף דער שוים; ער האט געוואלט העפטיק זיך שלאגן פאר דער עוולה, וואס מ'האט געטאן איר. זיין היים, זיין גאס.

דעם געהאפטן טאג האט וואזוע זיך ענדלעך דערווארט.

מיט רויט פארלאפענע אויגן, ווי צערייצטע הינט, האבן ווילדע דייטשישע מחנות געשפארט צום טייך, ביי וועלכן עס האט זיך געהאט פארפעסטיקט דער מיליטערישער איינס, צו וועלכן עס האט געהערט דער קליינער שלאכטמאן. דורך שווארצע רויך־פארהאנגען, אויפגעהויבענע איבערן בלענד פונם טאג, האבן די דייטשן אויף שודערוועענדיקע וואסער־שוועלן געווארפן פאנטאנען, בריקן מיט זעלנער, מיט געווער, זיך געריסן אויפן קעגנאיבערדיקן ברעג אריבער. רויטארמייער, פונאנדערגעשפרייטע הינטער פעלזן, אין די בייברעגיקע קוסטעס, אין קאנאוועס, האבן דעם שונא אקעגנגעשיקט א גליאיקן האגל פון ציישנדיקע אויטאמאטן, פייפנדיקע מינעס און מיט זיינע שיכורע לייבער און מיט זיין געווער האט דער פיינט אויסגעבעט דעם דעק פון שטראמיקן דאן. אין רגעס, ווען דער פייער־ווירבל האט זיך אביסעלע איינגעשטילט, האט וואזוע, דער יינגסטער פון די שיסער, מיט איבערפולטער ברוסט געזען א פאלנדיקע וואנט פון גרין און געל דערצונדענע צורות. אויף דער אויבערפלאך פון וואסער האבן זיך געוויגט דייטשישע זעלנער־היטלען, א סך פעקלעך, רענצלעך און ארום אלעה — רעדער, קרייזן בלעזלענדיק בלוט. דאס בלוט האט זיך אויסגעשפרייט, מוטנע רויט באפארבט דעם שפיגל פון טייך און די אונטערגעשאסענע פיינטלעכע קריגער האבן, אנגעטרונקענע, אנגעזעטיקטע מיטן דאנישן וואסער און רוסישן פולווער זיך געבאלבעט אראפ טיפער, טיפער צום דנא. אין וואזוען, וועלכער האט אין יענעם טאג איבערגעלעבט די דערהויבונג פון פארווירקלעכטן חלום צו גיין אין אן אמתער אטאקע, האט די ברוסט זיך באוועגט האסטיק, האסטיק: ער האט מיטן דערצונדענעם בליק נאכגעפאלגט דעם פלי פון זיינע קוילן און אינגאנצן געלעכצט נאך, נאך אונטערצוהאקן די דייטשן אין זייער לויפן, אין זייער פויזען און שווימען:

— עקדיישן!

— אין זייער טמא מאמען אריין!

ער האט געזען די עלטערע סאלדאטן אויסשפייען אויף די פאשיסטן, האט געהערט זייערע בייזע רייד און עס האט אים אויסטערליש הנאה געטאן דערפון, ווי עס טוט הנאה דאס זיסע געפיל פון נקמה, וואס קומט פון די טיפענישן פון רעדנדיקן און הערעווודיקן בלוט.

שמואל האלקין

# אויפן רויטן פלאַץ

ביז צום הונדערטסטן דור זאָל דערגרייכן דער גאַנג
אויפן פּלאַץ אויפן רויטן אין גרויזאַמען האַרבסט,
וואָס ער האָלט נאָך אין פרייִדיקע קעלטן מיין האַרץ;
אויב פאַראַן אויף דער ערד עפּעס מילדס, עפּעס האַרבס,
אויב נאָר אויסטרעטן קאָן מען מיט טריט א פאַרלאַנג,
איז געווען יענער גאַנג אויפן פּלאַץ — א געזאַנג
און א טרייסט פאַרן פאָלק אין זיין נויט און א דאַנק.

ס'איז געווען אינם האַרבסט, ווען אהינטער דער שטאָט
האָט געאָטעמט דער פיינט, זי פאַרברענען געדראָט
מיטן פייער פון בייז, וואָס ביינאַכט צינדט זיך אָן
אין די אויגן ביי וועלף... ס'איז געווען אינם טאָג,
ווען דאָס האַרץ פונם לאַנד זיך געוויגט אויף דער וואָג,
און דאָס פאָלק האָט אויף אייביק געזאָגט דאָס נעבאָט:
ס'איז אהינטער אונז מאָסקווע, און ווייטער — קיין טראָט!

ס'איז געווען אינם טאָג, ווען פון פרי ביז ביינאַכט
האָט א שניי זיך געקלעפּט צו דעם פלאַם פון דער פאָן;
ס'איז געווען אינם טאָג, ווען געשטאַנען אין קאָן
איז דער גורל פון לאַנד און ז יי ן הייליקסטע שוועל,
און ס'איז קיינמאָל געווען נאָך די פאָן אזוי העל —
אויפן קרעמל די פאָן — אזוי דורכזיכטיק רויט,
ווען געגאַנגען דאָס פאָלק איז מיט איר קעגן טויט.

און געווען איז דאָן האַרבסט, און ס'איז יום־טוב געווען,
און דער גרעסטער פון מענטשן האָט אַלץ דאָס געזען,
מיטן אויג זיי באַגלייט און אין האַרצן געבענטשט,
און נאָך גרויער געוואָרן איז דעמלט דער מענטש...
אויב פאַראַן אויף דער ערד עפּעס מילדס, עפּעס האַרבס —
אָט אזאַ אינם האַרבסט־טאָג געווען איז ז יי ן האַרץ,
נאָר ביז גרויל האָט דאָן ניכטער געקלאַפּט דער געדאַנק:
ביז צום הונדערטסטן דור וועט דערגרייכן דער גאַנג.

# יוגנט און דעמאָקראַטיע

(סוף פון זייט 6)

דער צווייטער מאָמענט דאָס איז די דערציונג. יוגנטלעכע, נישט געקוקט אויף זייער סאָציאַלער אָפּשטאַמונג לאָזן זיך איבערדערציען. יוגנט, אפילו פון סאָציאַל־אָפּגעשטאַנענע שיכטן, לאָזט זיך לייכטער אריינציען אין דער סביבה פון דעמאָקראַטיע, אין דעמאָקראַטישן דערציונגס־פּראָצעס, ווייל דער עלטער שאַפט דערצו די געהעריקע, נייטיקע באַדינגונגען. די געמיינשאַפטלעכקייט פון אינטערעסן ווי ספּאָרט, פאַרוויילונג, עמאָציאָנעלע וועלט, געשלעכטס־פאַקטאָרן א.א.וו. דאַרפן באַריקזיכטיקט ווערן ביים אריינציען די יוגנט, די גאַנצע יוגנט אינם לאַגער פון דעמאָקראַטיע און קעגן רעאַקציע. די דעמאָקראַטישע דערציונג דאַרף שאַפן דעם א יי נ ה יי ט ל ע כ ן ו ו י ל ן ביי דער יוגנט, ביי דער גאַנצער יוגנט.

ס'איז דעריבער נישט קיין צופאַל, וואָס די אינטערנאַציאָנאַלע יוגנט־פעדעראַציע געהער צו די ערשטע קערפּערשאַפטן פון אינטערנאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַציע. אין איר זיינען פאַרטרעטן יוגנט־פאַרבאַנדן נישט בלויז פון פאַרשידענע פעלקער און מלוכות, נאָר פון פאַרשידענע קלאַסן און שיכטן. זיי בינדט דער געמיינזאַמער גורל אין קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ. דאָס גיט זיי די דעמאָקראַטיע. דאָס וויל ביי זיי צונעמען די רעאַקציע.

דער סוביעקטיווער פאַקטאָר, דאָס הייסט, די באַוווסטזיניקע דערציונג דורך פאַרשידענע פאָרמען און מעטאָדן גיט די גאַראַנטיע ווי געהעריק אויסצונוצן די שווערע אָביעקטיווע באַדינגונגען, וועלכע ס'שאַפט פאַר דער יוגנט די רעאַקציע, כדי זי אַלס גאַנצע צו לענקען אין דער ריכטונג פון דעמאָקראַטיע.

די יוגנט פאַרנעמט דאָן איר אָרט אין געראַנגל. זי פאַרנעמט איר אָרט אַלס אַן אַקטיווער, טעמפּעראַמענטפולער, קרבנות־גרייטער טייל פון דער געזעלשאַפט אין מאַרש פון דעמאָקראַטיע קעגן רעאַקציע.

נאָר אזוי דאַרף פ א ר ש ט א נ ע ן ווערן דאָס פּראָבלעם פון דעמאָקראַטיע און יוגנט. און „פאַרשטייז הייסט באַהערשן” זאָגט ענגעלס.

מ. מיר־סקי

טוביה באזשיקאווסקי

# פאר דער אנטשיידונג



דער קאמף פון יידישן פאלק פאר ארץ־ישראל איז אריינגעטרעטן אין אן אנטשיידנדיקער פאזע. די א״י פראבלעמאטיק ציט צו די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער וועלט־עפנטלעכקייט. אויף די שפאלטן פון דער וועלט־פרעסע געפינען זיך טאג־טעגלעך ברייטערע אפהאנדלונגען און ידיעות וועגן דעם גאנצן הינטער־קוליסן שפיל פון דער ענגליש־אמעריקאנישער דיפלאמאטיע, אין צוזאמענהאנג מיט דער באהאנדלונג פון דער א״י פראגע אויפן פלענום פון אונא. די לייזונגס־פראגע פון דעם א״י־פראבלעם איז די טעמע פון א סך צווישן־מלוכישע געשפרעכן און פארהאנדלונגען. עס איז קלאר, אז ביי דער באהאנדלונג פון דער א״י־פראגע אויפן פארום פון „אונא״ קומען ווידער בולט צום אויסדרוק די אינטערעסן קעגנזאצן פון די גרויסמאכטן אויפן נאענטן מזרח און עס צייכענען זיך זייער דייטלעך אן די שייד־ליניעס צווישן די טענדענצן פון פעלקער־פארשקלאפונג און אימפעריאליסטישער גוואלטהערשאפט פון איין זייט און נאציאנאלע פרייהייט און זעלבסט באשטימונגס־רעכט פון די פעלקער פון דער צווייטער זייט.

אין דער זעלבער צייט, ווען די ענגלענדער דעקלארירן זייער „גרייטקייט״ אפצוטרעטן פון א״י מאכן זיי אלע באמיונגען צו דערווייזן דער וועלט די נויטיקייט פון זייער הערשאפט איבערן לאנד. דווקא אין דער צייט, ווען די פאראייניקטע פעלקער פארנעמען זיך מיטן געפינען א לייזונג פאר דעם א״י פראבלעם, באמיען זיך די ענגלענדער מיט כל מיני פראוואקאציעס און העצערייען אנצורייצן אלע שווארצע כוחות אין די אראבישע לענדער קעגן דעם יידישן ישוב, בכדי צו איבערצייגן דער וועלט, אז דאס ענגלישע מיליטער דארף איינהאלטן די רו און ארדענונג אין א״י.

עס דארף אונטערגעשטראכן ווערן, אז די ענגלענדער איז נישט געלונגען אין זייערע באמיונגען צו זייען שנאה צווישן יידן און אראבער, צו פאנגען די הערצער פון די א״ידיקע אראבער. די אראבער פון א״י פילן שוין גענוג די פאזיטיווע באדייטונג פון יידישן ישוב פאר זייער לעבן און עקזיסטענץ. דער אומווילן פון די אראבישע פאלקס־מאסן אנטיילצונעמען אין וועלכער ס׳איז פארשווערונג קעגן יידן איז אין דער לעצטער תקופה געקומען צום אויסדרוק ביי פארשידענע געלעגנהייטן. די אימפעריאליסטישע מאכט מוז דעריבער זוכן אין די שכנותדיקע אראבישע לענדער ארום א״י אפנעמער פאר איר אנטי־יידישער און צווישן־פעלקערלעכער העץ־פראפאגאנדע. זי טוט דאס דורך דערהויבן דארט פאשיסטישע כוחות, דורך דערוועקן די נידעריקסטע אינסטינקטן ביי אלע אפגעשטאנענע עלעמענטן אין דער אראבישער געזעלשאפט, צום קאמף קעגן דעם סאציאל און קולטורעל־פראגרעסיוון יידישן ישוב אין א״י.

אויך דער אמעריקאנער אימפעריאליזם פירט דעם זעלביקן שדים־טאנץ ארום דער באהערשונג פון דעם אזוי וויכטיקן סטראטעגישן פונקט, וואס עס שטעלט מיט זיך פאר דאס קליינע א״י און בכלל דער גאנצער נאענטער מזרח. ווייסנדיק, אז די ענגלישע אימפעריע מאכט דורך א ירידה און טרעט כסדר אפ פון פאזיציעס לטובת אמעריקע, זיינען די אמעריקאנער פאראינטערעסירט אין דעם, אז ביז עס וועט האלטןביים אפטרעטן מצד ענגלאנד פאר דעם אמעריקאנישן איינפלוס אויך איבער א״י, זאל דערווייל דאס לאנד נישט באקומען קיין זעלבשטענדיקייט, זאלן נישט די יידן און נישט די אראבער נישט דערגרייכן זייערע נאציאנאלע אספיראציעס און די ענגלישע הערשאפט איבערן לאנד זאל זיין געזיכערט.

מען דארף דעריבער נישט נעמען ערנסט די שטעלונג פון אמעריקע, וועלכע זאגט זיך ארויס פארן מערהייטס־פארשלאג פון דער „אונא״־קאמיסיע, וואס זעט פאר די שאפונג פון א יידישע און אראבישע מדינה דורך טיילן דאס לאנד. אין דער זעלבער צייט, ווען אמעריקע שטיצט פארמעל דעם מערהייט־פארשלאג, צוליבן געווינען די יידישע שטימען ביי די פרעזידענט־וואלן, וואס דארפן פארקומען אין 1948, זארגט זי שוין דערפאר, אז דער קאמיסיע־פארשלאג זאל נישט באקומען די נויטיקע צוויי דריטל שטימען און ער זאל דורכפאלן. די אמעריקאנער רעגירונג טוט דאס דורך איר איינפלוס, וואס זי האט אויף א גאנצער ריי קלענערע מלוכות און דער עיקר אויף די דרום־אמעריקאנישע לענדער, אויף וועלכע די אמעריקאנער דיפלאמאטיע איבט אויס א דרוק אונטער די קוליסן נישט צו שטימען פאר דעם פארשלאג פון שאפן צוויי באזונדערע מלוכות אין ארץ־ישראל.

מיט דער שטרעבונג אפצוווארפן דעם פארשלאג פון דער אונא־קאמיסיע ייל ענגלאנד ווידער געווינען צייט. ביז עס וועלן אנטשטיין נייע קאנצעפציעס צו לייזן דעם ארץ־ישראל־פראבלעם און אפשר אויך נייע אויספארשונגס־קאמיסיעס, וועט דערווייל דער ענגלישער „ווייס־בוך״־רעזשים און דער מיליטערישער טעראר קענען שטערן דער יידישער עליה און קאלאניזאציע. דער ענגלישער זשעסט פון איבערגעבן דעם א״י־ענין צום אונא און איר ברייטהארציקייט, אז זי איז גרייט אוועקצוגיין פון א״י, נאר דער אונא נעמט פון איר נישט צו דעם מאנדאט, וואלט אזוי ארום געשאפן אין דער וועלט אן איינדרוק פון ענגלישער לאיאליטעט און א בארעכטיקונג פאר איר ווייטערדיקער ווילקירלעכער הערשאפט אין לאנד.

דער ארויסטריט פון די פארשטייער פון ראטנפארבאנד און פוילן, וועלכע האבן אויסגעדריקט זייער שטעלונג צו דעם א״י־פראבלעם, זיינען א טרייסט און א דערלייכטערונג פאר דעם יידישן פאלק. דער טיף מענטשלעכער און הומאניטארער צוגאנג פון פוילן און ראטנפארבאנד צו דער פראגע פון אונזער נאציאנאלער באפרייונג, באווייזט, אז מיר זיינען נישט פאראיינזאמט אין דער וועלט, וועלכע איז דורכגעפרעסן מיט אזויפיל קעגנזאצן, שנאה און אימפעריאליסטישן מאכט־באגער. דאס באווייזט, אז ס׳זיינען נאך פאראן כוחות, וועלכע זיינען גרייט צו פארטיידיקן א גערעכטע זאך. דאס זיינען די כוחות, וואס די אידעע פון גערעכטיקייט און פעלקער־פרייהייט איז ביי זיי דער הויפט־סטימול פאר אלע זייערע האנדלונגען.

הגם פוילן און ראטנפארבאנד שטיצן דעם פארשלאג פון חלוקה, וואס מיר האלטן נישט פארן ריכטיקן אויסוועג ביי דער לייזונג פון דער א״י־פראגע, איז פאר אונז אבער וויכטיק זייער פעסטשטעלונג וועגן דער דרינגענדיקער נויטווענדיקייט און די רעכט פון יידישן פאלק צו אן אייגן מלוכיש לעבן אין א״י. די דאזיקע פעסטשטעלונג איז דער גאנצער אינהאלט, וואס האט באפליגלט מיט כוח און סאמפס־אויסדויער דער מאדערנער נאציאנאלער באפרייונגס־באוועגונג פון יידישן פאלק, וואס איז אנטשטאנען מ ־ ־ 50 יאר צוריק.

ווען מיר ריידן וועגן דער פאליטיק פון פארשידענע מלוכות ביי דער אנטשיידונג אין דער א״י־פראגע, מוזן מיר קודם־כל זען דאס יידישע פאלק, ווי א זעלבשטענדיקן פאליטישן פאקטאר, וואס איז א דירעקט פאראינטערעסירטער צד אינערהאלב דעם גערانגל צווישן מלוכות און גרויסמאכטן ארום א״י.

אויב אלע אנדערע מלוכות זען א״י אלס פלאצדארם פאר ווייטערדיקע דעראבערונגען און באריכערונגען פון זייער ביז איצטיקן באזיק, אויב פאר די אראבער איז דער א״י־שטח בלויז א 4—5 פראצ. פון די ריזן שטחים פון די אראבישע טעריטאריעס און די א״י־אראבער באטרעפן בלויז בערך 2 פראצ. פון דער אראבישער באפעלקערונג, וועלכע באזיצט 6 זעלבשטענדיקע מלוכות (אויב מען קען בכלל רעדן וועגן זעלבשטענדיקייט אונטער דער ענגלישער הערשאפט) איז דאס דאזיקע לאנד פאר אונז נישט קיין מיטל פאר ווייטערדיקע צילן און נישט קיין צוגאב צו א פאראנענעם באזיק, נאר א ציל אן און פאר זיך און אן עלעמענטארע מעגלעכקייט צו לעבן און צו אטעמען אלס פאלק.

האבנדיק דעם באוווסטזיין וועגן דער ראל, וואס עס שפילט א״י אין אונזער לעבן, מוז דאס יידישע פאלק, גלייכצייטיק מיט דעם אריענטירן זיך אויף די ארבעטער און דעמאקראטישע כוחות אין דער וועלט, מאביליזירן אלע כוחות צום קאמף פאר דער דערגרייכונג פון אונזער נאציאנאל־פאליטישער זעלבשטענדיקייט אין א״י.

(סוף זייט 27)

# יונגע טאַלענטן

## אַלעקסאַנדער באָגען דער יונגער מאָלער

1941. די היטלעריסטישע חיה שפּרייזט איבער אייראָפּע, וואַרפט אָן א מורא אויף גאַנצע פעלקער, ברענגט פאַרניכטונג און



א. באָגען אַלס פּאַרטיזאַנער

טויט פאַר מיליאָנען מענטשן. פון שטעט און שטעטלעך, פון פאַרוואָרפענע דערפער ציען אין וואַלד אריין מענטשן, וואָס קענען נישט זיין פּאַסיוו, וואָס רייסן זיך אין קאַמף מיט דער בלוטיקער בעסטיע, פּאַרטיזאַנער־העלדן, וואָס זיינען געגאַנגען מיט אַלטע ביקסן, מיט מעסערס און אָפּטמאָל מיט בלויזע פויסטן אויף טאַנקן און האַרמאַטן און געזיגט, אָדער געפאַלן מיט א העלדן־טויט.

נאָך טעג און נעכט פון קאַמף און געפאַרן, מידע און אויסגעהונגערטע, קומען פּאַרטיזאַ־נער אין זייער באַהאַלטענעם פאַרמאַסקירטן לאַגער ערגעץ אין די טיפענישן פון די ווייס־רוסישע אורוועלדער.

דער פּאַרטיזאַן אַלעקסאַנדער באָגען טראַכט נישט וועגן רו.

באָגען גייט אַליין דורך 150 קילאָמעטער — און דרינגט אריין קיין ווילנע. דאָרט פאַרבינדט זיך באָגען מיט דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַ־ציע אין ווילנער געטאָ ב. פּ. אָ. אויף א זיצונג פון שטאַב ווערט באַשלאָסן: אריבערפירן דעם קאַמף פון געטאָ אין וואַלד, עס ווערן מאָבילי־זירט 10 גרופּן צו 30 פּערזאָן. באָגען גיט אינ־סטרוקציעס, צייכנט דעם מאַרשרוט — און אַלע גרופּן קומען אָן אויף דער פּאַרטיזאַנער באַזע — אין די נאַראַטער וועלדער. פאַר דעם אויספירן די אויפגאַבע, פאַר אַזאַ העלדנטאַט באַקומט באָגען אַן אויסצייכענונג פון שטאַב פון דער וואָראָשילאָוו־בריגאַדע. באָגען אָרגאַ־ניזירט נאָך אַן אָפּטיילונג פּאַרטיזאַנער - יידן. ער באַוואָפנט זיינע פּאַרטיזאַנער און גייט טאָג איין טאָג אויס אין קאַמף מיטן שונא.

באָגען איז אָבער אויך א קינסטלער. זיין נשמה נעמט אין זיך אריין דעם אַרום און שאַפט און פיקסירט דאָס לעבן און קאַמף פון פּאַרטיזאַנער.

אין דער קאָמאַנדירן־זומקע צוזאַמען מיטן קאָמפּאַס און מאַפּע ליגט שטענדיק א בלייפע־דער. באָגען צייכנט געשטאַלטן פון פּאַרטיזאַ־נער — העלדן און מאַרטירער. און אַזוי כסדר צווישן איין קאַמף און צווייטן. דורכגייענדיק לאַנגע וועגן, דורך פעלד און וואַלד, זעענדיק הונדערטער מאָל דעם טויט פאַר די אויגן — צייכנט דער יונגער סטודענט פון ווילנער אוני־ווערסיטעט און פאַרייביקט די העלדנטאַטן און העלדן־געשטאַלטן פון זייגע חברים־פּאַרטי־זאַנער.

עס ענדיקט זיך די מלחמה. די פאַשיסטישע חיה ליגט א צעטראָטענע. באָגען בייט זיין אוני־פאָרם אויפן פּענדזל און קערט זיך אום אין ווילנער קונסט־אַקאַדעמיע. ער שטודירט ווייטער מאָלעריי.

אין ווילנע זעט באָגען דעם גרויסן חורבן, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט אין ירושלים־דליטע.

זיין יידיש האַרץ בלוטיקט נאָך זיינע ברי־דער.

ער מאָלט א סך און פאַרייביקט די וואונדער־לעכע אַרכיטעקטור פון ווילנער געטאָ. דאָס זיי־נען לעבעדיקע דאָקומענטן, וועלכע רעדן מאָלע־ריש וועגן דער גרויסער פאַרגאַנגענהייט פון יידישן ווילנע.

באָגען נעמט זיך צום שאַפן א גרויס בילד, וואָס זאָל זיין אן אָנדענק פאַר זיינע ברידער. עס אַנטשטייט דאָס גרויסע אייל־בילד: „די לעצטע איינוווינער פון ווילנער געטאָ" — דעם קינסט־לערס דיפּלאָם־אַרבעט.

דאָס בילד שטעלט מיט זיך פאָר דעם שרעקלעכן מאָמענט פון אַרויסטרייבן אויף טויט די לעצטע ווילנער יידן, און מאַכט א גרויסן איינדרוק מיט זיין רעאַליסטישן אויפ־פאַסן. אָט איז א מוטער מיט א קינד אויפן האַנט. זי גייט אויף טויט, אָבער זי יאָמערט נישט און איז פולשטענדיק רויק. אין איר פּנים ליגט דער גלויבן, אַז די רויטע אַרמיי וועט פאַרניכטן דעם פאַשיזם.

פאַר דער אַרבעט באַקומט באָגען א דיפּ־לאָם מיט אַן אויסצייכענונג.

דער קינסטלער איז מיט א קורצער צייט צוריק געקומען קיין פּוילן. ער וויל זיינע כוחות און טאַלאַנט ווידמען דעם ווידעראויפבוי פון דער יידישער קולטור אין פּוילן, ווייזן דער וועלט, אַז יידן האָבן אַריינגעלייגט פיל, פיל בלוט און העלדישקייט אין קאַמף מיטן ווילדן פאַשיזם.

אויף דער אויסשטעלונג, וואָס וועט איינגיכן פאָרקומען אין וואַרשע, וועלן מיר זען א סך נייע און אינטערעסאַנטע ווערק פון דעם יונגן קינסטלער־פּאַרטיזאַן.



„די לעצטע איינוווינער פון ווילנער געטאָ" – דיפּלאָם־אַרבעט פון א. באָגען
אין דער ווילנער קונסט־אַקאַדעמיע




מ. שקלאר

# א הארץ

א הארץ קען זיין ווי שטאָל,
בויגעוודיק און שטאַרק.
א הארץ קען אויך אַמאָל,
ווי פייער אויף א בארג
וואָס לויבט אריבער שטרעקעס ווייט,
א לויכט טאָן זיך דורך רוים און צייט.

א הארץ קען זיין ווי זייד,
איידל אָט אזוי און ווייך.
שורשען מיט א ליבער פרייד,
מיט אומעט רוישן, ווי א טייך.
א שטורעם טאָן, ווי קאַלטער ים
און שטיל זיין ווי פארלאָשענער פלאַם.

א הארץ קען זיין א טרער ניט מער —
אומשולדיק אָט אזוי און ריין.
א הארץ קען זיין — געדראנג, באגער,
און קען אויך זיין — א וויסטער שטיין,

וואָס ליגט ערגעץ אינמיטן וועג —
אָן אָנגעוווירענער פארמעג...
נאָר מיר איז טייער יעדעס הארץ,
וואָס אַלעמאָל פארבלייבט עס — הארץ...

מ. סטיצקי

# אויב אַמאָל כ'לאָז אַראָפּ זיך אויף דער קני

(געווי־מעט אונזערע קוילנגרעבער און לאנדאַרבעטן)

אויב אַמאָל כ'לאָז אראָפּ זיך אויף דער קני,
איז נישט פארן קלאנג פון זינגענדיקן שטאָל
פארן בליאסק פון סערפּ אויף גרינעם זאנגען־פעלד
און פאר זונען־שטראל, וואָס שײַנט אויף שווערער מי.

אויב אמאָל כ'לאָז אראָפּ זיך אויף דער קני
איז נאָר פאר דיר און פאר דיין נייעם ליד —
וואָס אויסגעזונגען ווערט מיט סערפּ אין פעלד,
און מיט דיין לעמפּל־שיין אין שאכטן, טיף.

## פון רעדאַקציע:

די לידער פון אונזערע יונגע האָבן אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג ביי די יונגע לייענער־ מאַסן אין פוילן.
מיר ווענדן זיך צו אַלע אָנפאַנגער, זיי זאָלן אונז אַריינשיקן זייערע שאַפונגען.

וואָלף פּאסמאניק

# האַרבסט

ארום איז רויק שווייגן.
איך זיץ אונטערן הימל און הער:
די זון האָט פארענדיקט
שוין צינדן די צווייגן,
מיט הארבסט שמעקט שוין די ערד.

איך זע די זון פארגיין
אין בלווילעכע הויכן,
דאָס וועטער איז לופטיק און פריש,
און עס שמעקט א קיל געלויטערט ווינטל
אין גאָלדענעם בלעטער געמיש.

* * *

דער וואלד איז פוסט, מען זעט דאָרט קיינעם נישט,
נאָר מיר שפּאצירן אין צווייען
איך, און מיין שאָטן שפּאַנט מיט מיר מיט
איבער די שטילע און ליידיקע אַלעען.

פון דער ווייט ריזלט זיך דאָס וואסער מיט לבנה שטראַלן,
א שטילער, א פארוואונדעטער בלייב איך שטיין.
איך הער ווי גאָלדענע בלעטער פאַלן... פאַלן...
ס'איז הארבסט אין פעלד און אין מיר אליין.

רוטקע וועקסלער

# בין איך קיינמאָל נישט אַליין

ווו דער גורל זאָל מיך ווארפן,
ווו איך זאָל אין לעבן זיין,
נעם איך מיט מיין יידיש לידל,
בין איך קיינמאָל נישט אליין.

האָט מען אלץ מיר צוגענומען
און געטריבן מיך פון שטוב,
האָט מיין מאמע מיר געגעבן
אויפן וועג א יידיש ליד

כ'האָב געפירט עס אין וואגאָנען
אין די לאגערן אויף פיין,
איז מיט מיר מיין יידיש לידל —
בין איך קיינמאָל נישט אליין.

אין די דייטשישע באראקן,
נאָך דער שווערער ארבעט — מיד,
זינג איך קיינער זאָל נישט הערן,
מיר א הארציק יידיש ליד.

יידיש לידל, ליד פון בענקשאפט,
פון א מאמע, פון א היים.
כ'גיי מיט דיר אין ווייטן לעבן,
בין איך קיינמאָל נישט אליין.

# אונזער יוגנט ביים אויפבוי פון

## קוילנגרעבער, וועבער, שילער, מעטאַליסטן, יוגנט פון קיבוצים

ביים אָפּרייניקן די פאַרשאָטענע אַנ־עלעוויטש גאַס



אין דער הייליקער ארבעט פון בויען א מאָנומענט פאר די העלדישע געטאָ־קעמפער, פארנעמט די יידישע יוגנט אין פוילן א בכבודיק אָרט. אויפן רוף פון דער יוגנט־אָפּטיילונג ביים צ.ק. פון די יידן אין פוילן און פון דער פארשטענדיקונגס־קאָמיסיע, האָבן זיך געשטעלט 80 יוגנטלעכע — פאָרשטייער פון אלע יוגנט־אָרגאַניזאציעס. נעבן דעם ז. וו. מ.אָווייעק האָט זיך פארזאמלט יוגנט פון „צוקונפט". באַגלייך מיטן „דרור" האָט זיך געשטעלט די „גורדוניה", עס איז געקומען די באָראָכאָוו־יוגנט, „השומר־הצעיר" און „איחוד".

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס די יידישע יוגנט האָט מיט אזוי פיל איבערגעגעבנקייט און ברען זיך גענומען צו דער וויכטיקער און הייליקער ארבעט. אלס טרייע נאָכפאָלגער פון די יונגע אויפשטענדלער — טראָגט אונזער יוגנט ווייטער די איינהייטס־פאָן, וואָס האָט מיט 4 יאָר צוריק אויפגעפלאַטערט אויף די געטאָ־מויערן. מיט דער פאָן גייט זי אלץ דרייסטער פאָרויס צו פארווירקלעכן די צוואה פון די געפאלענע. זאָל די ארבעט ביים געמיינזאַמען בויען דעם דענקמאָל פאר אונזערע ברידער־מארטירער — זיין דער אָנזאָג, אז מיר וועלן די פאָן האלטן אין פעסטע הענט.

אין א שיינעם פרימאָרגן באזוכן מיר דעם שטח פון אמאָליקן געטאָ.

לענג־אויס דער גענשע גאס (היינט די גאס פון אַניעלעוויטש) שטייען יוגנטלעכע און ארבעטן. קומסט אָן פון דער זייט, חברה באַמערקן דיך נישט. אָן אויפהער באוועגן זיך ריטמיש די קערפערס אראָפ, ארויף, די ארבעט גייט מיט א שנעלן טעמפ. קיינער שטייט נישט אָפ, יעדער באמיט זיך וואָס שנעלער און בעסער זיין ארבעט אויסצופירן.

אין מיטאָג־איבעררייס כאַפן מיר א שמועס: „אָט זעט, וואָס מיר האָבן שוין ביז היינט אָפגעטאָן — דערציילט דער חבר קראוט — א דערצויגלינג פון דער ווראָצלאַווער יוגנט־היים. — דערהערנדיק וועגן פאָרן קיין ווארשע — צו דער דענקמאָל־אקציע — האָבן זיך אונזערע חברים פרייוויליק געמאָלדן. פאר אזא וויכטיקע זאך — איז ווערט אפילו א חודש לערע מקריב צו זיין — זאָגט א צווייטער — דער „אָרט"־שילער פראוס פון ווראָצלאַוו. „אין דער צייט, ווען דאָס יידישע פאָלק שטעלט א מאָנומענט פאר אירע שלאכט־לייט. — וועלן מיר נישט שטיין אָן א זייט — מישט זיך אריין דער חבר דוד ליפינסקי — פון דער ביעלאַווער יוגנט־היים — א דעמאָביליזירטער פון דער פוילישער ארמיי, א קעמפער פון אן ארטילעריע־אָפטייל. דאָס נעזעמל ווערט גרעסער. עס קומען אָן די חברים פון „השומר־הצעיר", פון „דרור" און באָראָכאָוו־יוגנט. „זעט — חבר — טענהט א בחור. איך בין געקומען צו פאָרן פון ריכבאך — דערליידיקן אָן ענין — זעענדיק, וואָס עס גרייט זיך — האָב איך זיך אליין אָנגעשלאָסן אָן דער ארבעטס־בריגאדע. מיר באַמערקן א בחור, וואָס האלט זיך ווייטלעך פון עולם און ארבעט כסדר. מיר פרווון מיט אים פארפירן א שמועס, אָבער דער בחור איז א שווייגער. ער הייסט הענריק פראנצוז. ערשט נישט לאנג, דעם 4־טן יולי היי־יאָר זיך אומגעקערט פון דעם פארהאסטן דייטשלאנד. זיין האלטן זיך רופט ארויס ביי אונז גרויס פאראינטערעסירונג. מיר דערוויסן זיך, אז אָט דער יונגער מענטש האָט אונטער זיך א זייער רייכע פארגאנגענהייט. אליין האָט ער וועגן דעם נישט ליב צו רעדן. ער, פונקט ווי אלע אנדערע, האָט פארלוירן טאטע, מאַמע, שוועסטער, ברידער אין לאָדזשער געטאָ.

אליין געוואָרן פארשיקט קיין אשוויענטשים — ווו ער האָט אנטיילגענומען אין דער געהיימער ווידערשטאנדס־באוועגונג. דעם 3־טן מאי 1945, הארט פאר היטלערס מפלה, ווערט ער צוזאמען מיט די לעצטע 8400 אינטערנירטע אין לאגער עוואקואירט קיין נוישטאט נעבן לובעק און פון דאָרטן ארויפגעזעצט אויף דער שיף „קאפ ארקאנע".

בעת אן אָנפאַל פון אן ענגלישער לופט־עסקא־

## די אַרבעט אי



# און דו?
# האָסט שוין דערפילט דיין חוב?

# דענקמאָל פון יידישער גבורה

## נאָך שווערער אַרבעט – אַ פאַרדינטער אָפּרו



דרע הענגען די דייטשן ארויס איבער דער שיף אַ קריגס־פאָן, כדי צו פּראָוואָצירן די ענגלענדער זיי זאָלן באָמבארדירן די שיף מיט די קריגס־געפאנגענע. אונטער אַ האָגל פון ענגלישע באָמבעס געפינען דעם טויט 8,100 מענטשן, די שיף נעמט ברענען. הענריק פראנצוז פאַלט אריין אין אָפענעם ים, וו ער קעמפט מיטן טויט. ס׳דערנענטערן זיך שיפלעך מיט ענגלענדער, וועלכע ראַטעווען ארויס דאָס ביסל לעבנגעבליבענע מענטשן. צווישן זיי אויך פראנצוזן. ער ליגט אָפּ אַ לענגערע צייט אין שפּיטאָל. שפּעטער אַרבעט ער אין אַ דענאַציפיקאַציע־אַמט. ער וויל זיך נוקם זיין אין די היטלעריסטישע באַנדיטן. צוזעענדיק די דענאַציפיקאַציע־קאָמעדיע פון די ענגליש־אַמעריקאנער „באַפרייער" פאַרלאָזט ער דאָס פאַראַכטעטע דייטשלאַנד און פאָרט צוריק אין זיין היימשטאָט. קומט אָן אין איינזאַמער קיין לאָדזש. די ערשטע הילף באַקומט ער אין אונזער יוגנט־היים, וו ער געווינט צוריק זיין גייסטיקן גלייכגעוויכט. היינט לערנט ער זיך אויף צוגרייטונגס־קורסן צו דער הויבשול. ער געהערט צו די אַקטיווסטע ז.וו.מ.־מיטגלידער. אויפן רוף פון זיין אָרגאַניזאַציע איז ער געקומען צווישן די ערשטע העלפן בויען דעם דענקמאָל, דאָ אַרבעט ער געטריי, שוינט נישט זיין צייט, מי און ענערגיע.

די גאַנצע בריגאַדע האָט אים ליב און שעצט אים.

דערנעבן אַרבעט אַ יונגער, קרעפטיקער בחור רייזער ישׂראל. 23 יאָר אַלט. אַ געוועזענער פּאַרטיזאַן פון דעם יידישן אָטריאַד נ. 106 פון די נאַליבאָקער וועלדער. ער האָט אַנטיילגענומען אין אַ גאַנצער ריי דיווערסיע־אַקטן קעגן די דייטשן ביי מינסק, ניעגאָרעלאָיע א.א. דאָ אהער צים געטאָ, איז ער געקומען פון וויטן ווראָצלאַוו, וו ער געפינט זיך אין קיבוץ פון „השומר־הצעיר".

ביי דער אַרבעט צייכנט ער זיך ספּעציעל אויס מיט זיין פלינקייט ביים פירן אָנגעלאָדענע טאַטשקעס מיט גרוז, צום פאַרשיטן ארויסגעריסענע גריבער פון שווער־טאָניקע באָמבעס. אין מיטן דער גענשע גאַס איז געשטאַנען אַ גרויסע און שווערע דייטשישע מאַשין, מיט איר האָבן די פאַשיסטן אויפגעריסן מויערן פון הייזער אינם געטאָ. צו איר זיינען נייטיק געווען הויב־קראַנען און טראַקטאָרן. אָבער אונזער חברה האָט מיט אייגענעם כוח זי אָוועקגעשלידערט אָן אַ זייט.

„אָט זעט אונזער אַרבעט — באַרימט זיך דעם בחור יעווגעני שוועק. שטאַמט פון שטעטל סאַרנע ביזן 1942 יאָר, האָט ער אַנטיילגענומען אין דער פּאַרטיידיקונג פון מאָסקווע, דערנאָך איז ער שוין טעטיק אויף אַ מיליטערישן עשאַלאָן — אַלס געהילפס־מאַשיניסט, ער פירט קריגס־מאַטעריאַלן און געווער צום סטאַלינגראַדער פראָנט. מאַכט מיט דעם זיגרייכן מאַרש פון דער סאָוויעטישער אַרמיי. נעמט אַנטייל אין באַפרייען די שטאָט קראָקע. נאָכן קריג פירט ער דעם ערשטען עשאַלאָן יידן־רעפּאַטריאַנטן פון ראַטנפאַרבאַנד אין דעם באַפרייטן פוילן. אַרבעטן אין דער בריגאַדע האָט אים געשיקט דער לאָדזשער קיבוץ פון דער באָראָכאָוו־יוגנט.

מיר שמועסן מיט חברים צוקונפטיסטן, איחודאָוועצעס, גורדוניסטן און דרוריסטן, יעדער איינער אַרבעט מיט איבערצייגונג. יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן און אַלע צוזאַמען פירן אויס אַ גרויסע אויפגאַבע.

די איינהייטלעכע יוגנט־בריגאַדע, וואָס בויט דעם דענקמאָל, דאָס איז נישט קיין צופעליקע יוגנט. יעדער פון זיי האָט אַ באַזונדערן חלק אין קאַמף קעגן פאַשיזם. יעדער האָט געגעבן זיין צושטייער צום אויסשמידן דעם זיג.

צום סוף ביים אַוועקגיין טרעפן מיר דעם יונגן בחור אַיליטש־אורבאַנסקי־בוים, — ער איז אַ זון פון אַן אַלטן יידישן רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט געקעמפט אַלס פּאָליט־קאָמיסאַר. אָט דער 18־יאָריקער בחור, וועלכער טראָגט אַזוי שטאָלץ דעם נאָמען פון גרויסן לענין, האָט דורכגעמאַכט דעם וואַנדער־וועג פון אַ פּאָליטיש־פאַרפאָלגטן איבער גאַנץ אייראָפּע. פון אומעטום געוואָרן דעפּאָרטירט, ארויסגעשיקט.

# באַטייליק זיך אין דער אַקציע פאַרן דענקמאָל פון די געטאָ־העלדן!

## ...ן פולן גאַנג



# אונזער יוגנט ביים אויפבוי פון דענקמאל פון ייד. גבורה



מיט מיין אַרבעט — גיב איך אָפּ כבוד די געפאַלענע

בלויז דער ראטנפארבאנד האָט אים און זיין מוטער דעו מעגלעכט א נאָרמאלן לעבן. דאָרט האָט ער געענדיקט די שול. געהערט צום קאָמסאָמאָל. בעת דער רעפּאטריאציע קומט ער אָן אין וורא̂צלאוו, לעבט אין דער יוגנט־היים, היינט איז ער פון די אקטיווסטע טוער אין דער קינדער־באוועגונג.

בעת דער ארבעט קומט אויס צו געפינען פארשידענע אויפריים־מאטעריאלן: צינד־באָמבעס, מינעס און גראנאטן. ביי נאָרמאלע באדינגונגען וואָלטן מיליטערישע מינען־שעדיקער זיי באדארפט אוועקנעמען. אָבער אונזער חברה קאָן אויך זיך מיט זיי באגיין. דרייסטע יינגלעך טראָגן זייער פּאָרזיכטיק אוועק די אלע מאטעריאלן אָן א זייט און נעמען זיך ווייטער צו דער ארבעט. אין דער אמתן זיינען די אלע זאכן פאר אונזער חברה נישט קיין נייעס. נישט איינמאָל איז זיך מיט זיי אויסגעקומען צו טרעפן בעת דער מלחמה. ווער עס קען זיי גוט פון די פראָנטן, ווער פון די פּארטיזאנער־אָפּטיילונגען און ווער ס'האָט זיי אליין אויסגעארבעט אין די מיליטערישע פאבריקן אין סאָוויעטישן הינטערלאנד.

נעבן איינעם פון די צעשטערטע הייזער אויף אניעלעוויטש גאס — ראָג זאמענהאָף־גאס, האָבן די חברה אויסגעגראָבן מענטשלעכע ביינער. דערנעבן זיינען געפונען געוואָרן פארזשאווערטע קינדער־וועגעלעך, אָן אייזערן קיכל, שטוב־חפצים.

אויף א צווייט אָרט האָט מען געפונען מאיר־בעל־הנס און קרן קימת־פושקעס. מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ און פארשטארטע בליקן באטראכטן די חברה דאָס אלץ. עס גייט אדורך א ציטער איבערן לייב, קיינער קען נישט ארויסברענגען קיין וואָרט. מיט דער גרעסטער פּאָרכטיקייט און ליבשאפט ווערט דאָס אלץ צונויפגעקליבן — ווי א טייערער אָנדענק פון א פארשניטן לעבן.

אויף איין אָרט, דאכט זיך אניעלעוויטש־גאס (גענשע 8—6) האָט מען געפונען צווישן די רואינען צוויי רעוואָלווערן — ווארשיינלעך זיינען דאָס קאמפס־בלײ־זין פון די געטאָ־אויפשטענדלער. אָט די אלע זאכן ווערן צונויפגעזאמלט און איבערגעגעבן אין רשות פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט.

ביז היינט איז שוין פיל אויפגעטאָן. די אניעלעוויטש־גאס איז שוין פולשטענדיק אָפּגערייניקט. עס איז נאָך נישט גענוי באקאנט וויפל קוביק־מעטער עס איז ארויסגעפירט. אלנפאלס וועט עס דערגיין צו די טויזנטער. ביז איצט איז דאָ געווען א שמאָלע סטעזשקע, וואָס האָט זיך געשלענגלט לענג־אויס דורך גאנצע חורבות פון ברוך־שטיקער, שטיינער און ציגל. איצטיקן וועט דאָ זיין א לייכטער צופאָר. פון דאָ איז די בריגאדע צוגעטרעטן אָפּרייניקן דעם פלאץ אנטקעגנאיבער דער מיליטערישער תפיסה, פון זאמענהאָף־גענשע (אניעלעוויטש). דאָ געפינען זיך נאָך הויכע בערג גרוז, ציגל און שטיינער. מען דאַרף זיי אוועקנעמען ביז צו דער ערד־אויבערפלאך. אויך דאָס שרעקט קיינעם נישט אָפּ. יעדער ארבעט מיט אינערלעכער איבערגעגעבנקייט. אלע זיינען ארומגענומען מיט א הייליקן געפיל — זיי פארייניקט אין באגער — צוליינגן א האנט ביים אויפבויען א מאָנומענט פאר אונזערע טייערסטע.

נישט ווייט פון דעם געטאָ ארבעט א פוילישע יוגנט־בריגאדע ביים פארלענגערן די מארשאלקאָווסקע גאס. זיי צוהילף איז געקומען אונזער יידישע יוגנט. א גאנצן טאָג האָבן יידישע און פוילישע חברים פארענדיקט דאָס ארויסטראָגן דעם לעצטן גרוז. אין די נאָענטסטע טעג דאַרף שוין דאָ קורסירן א טראמוויי. אינם אויפבוי פון ווארשע האָט אונזער יוגנט געבראכט איר צושטייער. דורך ארבעט ווערט פארטיפט די פריינטשאפט און פארברידערונג פון דער יידישער און פוילישער יוגנט.

נאָך דער ארבעט, ווידער אין געשלאָסענע רייען, א היים אין די קאָשארן. חברה וואשט זיך ארום מיט קאלטע וואסער. טוען זיך איבער און נעמען זיך צום מיטאָג. דער הויפּט־קיכער מוסמאן, קען די קונסט פון קאָכן. נישט לאנג, ווי ער איז דעמאָביליזירט געוואָרן פון דער ארמיי. געווען אין א טאנקן־אָפּטייל. אדורכגעמאכט א קאמפס־וועג מיט אָנצאָליקע שלאכטן. באפרייט אונזער ווארשע און דערגאנגען ביז דרעזדען. די בריגאדע איז זיך מחיה מיט די געשמאקע מאכלים און מען עסט מיט א גוטן אפּעטיט. אויף היינט איז פארגרייט א סורפריז. אנשטאט דער מיליטערישע געדיכטער קאשע — דערלאנגט מען אויפן טיש... לאָקשן מיט יויך... ווילט זיך דער עולם, פאלן וויצן, גלייכווערטלעך, ווערט די שטימונג א הייטערע. אָבער מוסמאן אליין איז אומעטיק. וואָס וועט זיין דער תכלית — טענהט ער — איך בין געקומען ארבעטן מיט דער לאָפּעטע און איר מאכט פון מיר א קוכער... אויך די מיידלעך זענען אויס ברוגזע. זיי פארדריסט וואָס מען נוצט זיי אין דער קיך־ווירטשאפט. ווער פון די חברה עס גיט זיי געכעכט, ווער עס דערווידערט. אלץ קלערט אויף און גלייכט אויס דער ח' דוד קורץ, דער פאָרשטייער פון דער יוגנט־אָפּטיילונג. ער באמיט זיך אלץ צו רעגולירן. נאָכמיטאָג (דאָס מיטאָג איז נאָכן פארענדיקן דעם ארבעטס־טאָג) רוט מען. אָבער ווייניק ווער עס כאפּט א דרימל. דעם אָפּרו פארברענגט מען ביים לייענען א צייטונג, א ביכל, ווען עס פארגלוסט זיך גאָר שפּילן אין באָל. דריי מאָל א וואָך ווערן באוויזן פילמען פארן מיליטער. אונזער בריגאדע ווערט דאָ איינגעלאדן. די זעלנער נעמען הארציק אויף זייערע יידישע חברים, שמועסן און שפּאצירן צוזאמען. אינטערעסירן זיך מיטן יידישן לעבן.

אין די פרייע טעג פון דער ארבעט באזוכט די בריגאדע די שטאָט, אירע מוזייען, טעאטער, דענקמעלער. קוקן זיך צו צום רעשיקן אויפבוי פון דער חרובער ווארשע. ווער עס גייט אין די פּארטיי־לאָקאלן, באזוכן פארזאמלונגען, פאָרלעזונגען א.אוו.

אזוי האָבן 80 יוגנטלעכע אָפּגעארבעט א קיילעכדיקן חודש. דאָ איז נאָך מער אויסגעשמידט געוואָרן די איינהייט צווישן דער יוגנט. דער גייסט, וואָס האָט דערמעגלעכט אזא גרויסע זאך אָפּצוטאָן, וועט ווייטער ווערן געשעפינען ביים בויען דאָס נייע יידישע לעבן.

א. קאָזאטערקא



חברים העלפן זיך אַרויס..

# פאַרן אָנדענק פון די געטאָ־העלדן

אויף דער גאנצער וועלט ווערט געפירט די קאמפאניע פארן אויפשטעלן דעם דענקמאל פון די העלדישע קעמפער אין ווארשעווער געטאָ. דעם 19 אפריל איבעראיאר, אין טאג פון 5־טן יארצייט פון היסטארישן אויפשטאנד וועט פארקומען די פייערלעכע אנטהילונג פון דענקמאל. אין הארץ פון ווארשעווער געטא, דארט ווו ס'זיינען פארגעקומען די פארביסנסטע קאמפן פארן כבוד פון יידישן פאלק, צווישן אומענדלעכע חורבות פון אמאליקן פרעכטיקן יידישן לעבן וועט שטיין דער גרויסער מצבה־דענקמאל און כסדר מאנען פון אונז און פון דער גאנצער וועלט, אז מיר זאלן נישט אפשטיין אין קאמף און נישט לאזן איבערחזרן זיך דעם גרויסן אומגליק, וואס האט אונז געטראפן.

די לעבנגעבליבענע יידישע יוגנט אין פוילן, האלט פאר איר גרעסטן חוב צו זיין דער אקטיווסטער מיטבאטייליקטער אין דער וויכטיקער אקציע פון בויען דעם דענקמאל. אזוי ארום וועלן מיר פארדאקומענטירן אונזער צוגעבונדנקייט צו אונזערע העלדן, וועלכע זיינען אלע כמעט דערצויגן געווארן אין אונזערע יוגנט־ארגאניזאציעס. אזוי ארום ווילן מיר באווייזן אונזער ווילן צו קאנטינואירן זייער לעבנסוועג, דורך דעם פארווירקלעכן זייערע אידעאלן, פאר וועלכע זיי האבן געקעמפט.

די צענטראלע יוגנט־אפטיילונג צוזאמען מיט דער פארשטענדיקונגס־קאמיסיע פון די יידישע יוגנט־ארגאניזאציעס, האט דעריבער באשלאסן צו ארגאניזירן א יוגנט־בריגאדע פון בערך 100 מאן, מיטגלידער פון אלע 7 יוגנט־באוועגונגען. די וויכטיקסטע אויפגאבע פון דער בריגאדע איז געווען צוהעלפן ביים אפרייניקן דעם פלאץ ווו ס'ייעט שטיין דער דענקמאל. הוץ דעם האבן מיר מיט אונזער ארבעט זיך אויך באדארפט אנשליסן אין דער אלגעמיינער אקציע פון אפרייניקן וו‍ארשע, וועלכע איז פראקלאמירט געווארן אין חודש סעפטעמבער.

נישט קוקנדיק אויף פארשידענע טעכנישע שוועריקייטן, איז אונז אדאנק דער הילף פון פרעזידיום פון צ.ק. פון די יידן אין פוילן און פון איניקע מיליטערישע אינסטיטוציעס, געלונגען צו ארגאניזירן א בריגאדע.

במשך פון א חודש צייט האבן געארבעט מיט גרויס פלייס 85 יוגנטלעכע פון קיבוצים און בורסעס, פון פאבריקן און שולן, פון אלע עקן פוילן, וועלכע האבן זיך פרייוויליק געמאלדן צו דער בכבודיקער ארבעט. במשך פון דער קורצער צייט האבן מיר באוויזן אפצורייניקן א גרויס שטיק געוועזענע גענשא גאס, וועלכע טראגט היינט דעם נאמען פון העלדישן קאמענדאנט פון געטא־אויפשטאנד, פון מרדכי אניעלעוויטש. אזוי ארום האבן מיר באפרייט פון גרוז דעם צוגאנג צום דענקמאל־פלאץ. חוץ דעם האבן מיר נאך פארברייטערט דעם פלאץ, ארויספירנדיק צוזאמען בערך 4,000 קובאמעטער גרוז. דורכשניטלעך האט יעדער יוגנטלעכער ארויסגעפירט טעגלעך 3־4 קובאמעטער, כאטש מ'האט געארבעט נאר מיט פרימיטיווע ארבעטס מכשירים.

די בשותפותדיקע ארבעט און דאס קאלעקטיווע צוזאמענלעבן האט אויסגעארבעט ביי אלע מיטגלידער פון דער בריגאדע א שטארק געפיל פון סאלידאריטעט און צוגעבונדנקייט.



אינם הייליקן געצוועט וויל איינער דעם אַנדערן איבעריאָגן

אמבולטסטן האט זיך דאס אפגעשפיגלט אויף די איינגעארדנטע אוונטן ווו ס'זיינען צוזאמען ארויסגעטראטן חברים פון „גורדוניה“, ז.וו.מ., השומר, דרור, באראכאוו, איחוד און „צוקונפט“ מיט יידישע און העברעישע לידער און רעציטאציעס, און דערנאך אלע צוזאמען געטאנצט א פייערדיקן „הורה“.

דאס צוזאמענלעבן און צוזאמענארבעט פון דער בריגאדע האט נאכאמאל באוויזן, אז דארט ווו ס'הערשט טאלעראנץ און לאיאלע פארשטענדעניש, קען די יוגנט געפינען די געמיינזאמע שפראך, וועלכע איז אונז אזוי שטארק נויטיק אין דער היינטיקער צייט.

אויף דער איינלאדונג פון דער פוילישער יוגנט־בריגאדע האבן מיר זיך אויך באטייליקט ביים פארענדיקן זייער ארבעט ביים פארלענגערן די מארשאלקאווסקא גאס. ליינגדיק אזוי ארום א ציגל צו דער דערנענטערונג מיט דער פוילישער דעמאקראטישער יוגנט.



ט״יזנטער קוביק־מעטער חורבות ווערן באַזייטיקט

# גיב דיין בײשטײער בײם אויפשטעלן דעם דענקמאָל פון אונזער רום און גבורה!

אויף דעם געזעגענונגס־אוונט, וועלכן דער צענטראל קאמיטעט האט פאר אונז איינגעארדנט, האבן אלע רעדנער אינטערגעשטראכן די וויכטיקייט פון דער אפגעטוענער ארבעט ווי אויך די נויטווענדיקייט פון איינהייט צווישן דער יידישער יוגנט. פארן פארלאזן ווארשע האבן מיר באזוכט דעם שאפנדיקן זיך יידישן נאציאנאלן מוזיי ביי דער צענטראלער היסטארישער קאמיסיע, וועלכער מיר האבן איבערגעגעבן פארשידענע עקספאנאטן געפונענע בעת דער ארבעט אין געטא, ווי 2 רעוואלווערן, אלטע מאטריצן, יידישע און העברעישע ביכער א.א.

דער הויפט־ראט פאר ווידעראויפבויען ווארשע האט אויך אפגעשאצט אונזער ארבעט און אונז באלוינט מיט אויסצייכענונגען און דיפלאמען.

ד. קורץ



קאָלעקטיוו געאַרבעט... 3־פאַכיקער דערפאָלג

## אלחנן וואָגלער

# ליד וועגן אַ פּאַסטעכל

אַ, וויטעק, וויטעק. דיינע פינגערלעך ווו זיינען, קינד? –
עס וואַרט די פּאַסטושקע אין טאָל אונטער׳ן באַרנבוים,
זיי פלעגן טוליענען זיך צו איר הויקערל אין ווינט
ווי שעפסן צו אַ בערגעלע פון דאַרן ליים.

אַ, וויטעק, וויטעק, די וועלפעלעך האָבן דיך אויפגעפרעסן,
ווען דו ביסט מאַלינעס געגאַנגען קלייבן פאַרן פאָן;
נאָר דיין פייפעלע האָסטו אין וואַלד פאַרגעסן
און זיין ווידערקול איז – די קוקאַווקע אין טומאַן.

עס וויינט די פּאַסטושקע נאָך וויטעקן און קניט
צום פלייז, ווו זיינע ביינדעלעך זיינען פאַרלאָרן;
פון אירע טרערן האָט די גריקע אויף די פעלדער אויפגעבליט
און פון זיינע ביינדעלעך – דער הויכער קאָרן

# דאָס ווייסע ציגעלע און דער מאַנדלבוים

אַ ווייסע ציגעלע האָט ליב געהאַט אַ בוים מיט מאַנדלען,
נאָר צו זיינע אָרעמס נישט געקאָנט דערלאַנגען;
בעטן ביי דער זון, עס זאָל זיך אין אַ שוואַלב פאַרוואַנדלען -
איז זי מיטן שטעגל באַרג-אַרויף, אַוועקגעגאַנגען.

ס׳האָט די זון דאָס ציגעלע פאַרוויגט אין שטראַלן-וויגל,
און די לבנה - מיט איר גאָלדן מילך עס אָנגעזויגן,
נאָר אויף אַ זילבער-וואָלקנס הייסן פליגל -
איז זי אין טאָל צום מאַנדלבוים אַראָפּגעפלויגן.

דער באַרגיקער טומאַן, דער בלויער איז אַ ברונען,
און דאָס ווייסע ציגעלע — אַ פלאַ-פלאָים! –
ס׳האָט די זון עס אַ דערטרונקענעס אין ט״ך געפונען,
און דער מאַנדלבום געשריבן מיט אַ שוואַלב האָט תנאים.



גענאַסנקייט. אמת — דער דיכטער זינגט טאַקע וועגן זיך, אַז אים איז נישט אומעטיק, ווייל ער חברט זיך מיט בליענדיקע עפּל־סעדער, אַז ער איז נישט איינזאַם, ווייל ער פאַרמאָגט אַזויפיל שטומע פריינט צווישן די בעלי־חיים און גע־וויקסן. אָבער שוין זיינע זוכענישן פון שיינקייט און אמת אין די געדרייטע לאַבירינטן פון דער מעטאַפאָרע זיינען אַן אויסדרוק פון דעם גע־מיט פונם דיכטער, וועלכער פאַרליידט נישט דעם מיטמענטש אין דער וואָר און לויפט מיט דער געדאַנק־בריק אויף יענער זייט פון דער פאַ־עטישער וועלט, אויף דעם ברעג פון גרענעצ־לאָזער פאַנטאַזיע. עפּעס פאַרהוילט דער דיכ־טער פאַר דער וועלט, עפּעס אַזוינס, וואָס באַשטימט זיין נעגאַטיווע באַציונג צום ארום. עפּעס אַזוינס, וואָס וואָלט מיט העכער הונ־דערט יאָר צוריק אָנגערופן געוואָרן „ביראָנ־ניש". עס ראַטעוועט אים פון איינזאַמקייט און פאַרצווייפלונג בלויז איינס: די ממש אינטימע צונויפלעבונג מיט דער נאַטור.

די שוידערלעכע געשעענישן פון אונזער צייט האָבן אָבער אפילו אזא פאַרמאַכטן אין זיך אויף טויזנט דיכטערישע שלעסער ווי אלחנן וואָגלער אַרויסגעריסן פון זיין געמיט־פאַרפאַנצערטקייט, פון זיין אייגנאַרטיקער סודותדיקער שפּירונג־וועלט. צוויי נייע גרונט־שטריכן. ליגן אינם סאַמע יסוד פון וואָגלערס שאַפונגען אין די יאָרן 1940־1947. קודם־כל דער ווייז נאָך דעם אומקום פון פאָלק, וואָס ווערט אויסגעדריקט ביי וואָגלערן מיט די זעל־בע מיטלען, מיטן גאַנג איבערן זעלביקן מעטאַ־פאָרעס־בריק צו נאַטור, ווי פריער. עס קומט אויף ביים דיכטער אַ שטאַרקע ע ל ע ג י ע נאָך אויסגעהאַקטע קאַרשן־ביימער, וועלכע זיינען אין וואָגלערס פאַנטאַזיע די אַנטשפּרע־כונג פון פאָלק: „כ׳וועל ניט זינגען מער פון מיינע אויסגעטרוימטע קאַרשנבוימער, דער וועלט־העקער זיי אויסגעהאַקט האָט פון מיין ליבלעך ערד; כ׳וועל ניט זינגען מער פון מיינע בליענדיקע פעלדער ווייצן, דער נישטגוטער האָט מיט דערנער־צלמים זיי צעטראָטן; כ׳וועל ניט זינגען מער פון מיינע ווייסע סטאַדעס פי, דער שוחט האָט פאַרשניטן זיי תּון מיינע שירה־קוואַלן; כ׳וועל נישט זינגען מער פון מיין פאַר־לוירן גאָלדן קאָרן־חיים, די אונטערצינדער האָבן זי אין י״ש און תאווה־נעכט פאַר־ברענט" („אַ שפּראַץ אויף אַ טאָג"). אין אָנגעזויכט פון אָט דעם שטאַרקן טרויער־געזאַנג נאָכן פאָלק — ווי רכילותדיק עס קלינגט די שטימע פון אַ דיכטערין, וועלכע וואַרפט פאַר וואָגלערן, אַז ער קושט די שטיוול פון די הענקער פון זיין פאָלק! יאָ, וואָגלער האָט אין זיינע נייע לידער געפונען ווערטער נישט בלויז פאַר קינה, נאָר אויך פאַר הימן — דעם לויב פאַר דעם סאָוויע־טישן מענטש, וואָס האָט געראַטעוועט אונזער פאָלק:

„אַ מוטער געטרייע, און ווייסן באַלאַט,
„הייל אויס די וווּנד פון דער וועלט מיט דיין פרידן,
„באַשיץ אויך מיין פאָלק, וועלכער איז נע ונד,
„און רוט אָפּ אויף קברים זיין קערפּער דעם מידן".

דאָס דאָזיקע ליד, „מיין דאָקטאָר אין ווייסן באַלאַט", געהערט צו די שענסטע לידישע פּאָ־עמעס וועגן דער סאָוויעטישער פרוי אין דער יידישער ליטעראַטור. פאַר וואָגלערס דיכטע־רישן גאַנג האָט דאָס ליד אַ ווענד־פּונקט־באַדיי־טונג. דאָס איז דאָס ערשטע ליד, ווו וואָגלער האָט דערזען ד ע ם מ ע נ ט ש אין דער וו אָ ר און נישט דורך פאַרקאָנספּירירן זיך אין די אויסדרוק־מיטלען פון דער מעטאַפאָרע. צי איז „מיין דאָקטאָר אין ווייסן כאַלאַט" אַן אָנ־זאָג אויף אַ נייעם עטאַפּ, אויף אַ נייער התגלות פון וואָגלערס דיכטונג?

וואָגלערס נייער וועג איז בלי שום ספק זייער און זייער אַ שווערער. עס איז שווער דעם מעטאַפאָרע־דיכטער שנעל צו געפינען דעם סינ־טעז צווישן זיין אַמאָליקן גאַנג און דער נייער וויזיע, דער וויזיע פון נישט אויסגעחלומטן מענטש, דער וויזיע פון העלד פון אונזערע טעג. דעריבער זיינען נישט אַלע זיינע לעצטע פּרוּוון געלונגען. אָבער אַזעלכע צוויי שטאַרקע לידער ווי „אַ שפּראַץ אויף טאָג" און „מיין דאָקטאָר אין ווייסן באַלאַט", וועלכע לייענען זיך מיט האַרץ־קלאַפּעניש און וואָס רייסן מיט, זאָגן עדות אויף די גרויסע מעגלעכקייטן פונם דיכטער צו דערגרייכן דעם אָקאָרשט באַטאָנטן סינטעז, דעם סינטעז פון אומגעפעלשטן דיכ־טערישן פּאַטאָס פון אונזער צייט מיטן אַזוי ביז ווייטיק אָפּגעפילטן איינגן און פאָלקס־איי־בערלעבונג — דאָס, וואָס שאַפט צוזאַמען די הויכע מדרגה פון עכטער פּאָעזיע.

צוליב טעכנישע סיבות זיינען אין היינטיקן נומער נישט אַריין נאָך אַ ריי לידער פון אלחנן וואָגלער. מיר וועלן מיט זיי באַקענען אונזערע לייענער אין די קומענדיקע נומערן
רעדאַקציע

# דעם פרייהייטס־קעמפער און גרויסן הומאַניסט – איליאַ ערענבורג אונזער האַרציקן ברוך־הבא!



א־ליא ערענבורג שיקט איבער אַ גרוס אינזער יוגנט דורך, דער רעדאַקציע „אויפגאַנג"





דאָס בילד פון א. ערענבורג מיט זיין אונטער־שריפט, געצייכנט פון פ. זאַווידאָוויטש בשעת זיין באַזוך אין צ.ק. פון די יידן אין פוילן.

לאָזן די גרויזאמע קלעפּ פון די פינצטערע מלחמה־יאָרן און אונזער יוגנט איז אויסגעקומען; צו מאכן איר לעבנס־וועג דורך פייער, שנאה און פאַרניכטונג — זיינען ארויס אויף דער אויבערפלאַך די סימנים פון דער אידעיש־פּאָליטישער דערציונג. עס האנדלט זיך דאָ נישט נאָר אין דער פּאָליטישער באוווסטזי־ניקייט און געטריישאפט דעם פּאָליטישן וועג פון דער באַוועגונג, אין וועלכער דער יוגנטלעכער האָט באקומען די דערציונג. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער יוגנט־אָרגאַני־זאציע איז געלונגען אויסצופורעמען אין דער נשמה פון יוגנטלעכן אזעלכע אייגנשאפטן פון כאראקטער, ווי: פעסטן און אומבויגזאמען ווילן; קאמפס־גייסט און גרייטקייט צו אָפּ־פערן מיטן אייגענעם לעבן פאר דער זאך; גרענעצלאָזע ליבע צו די מאסן פון איי־גענעם פאָלק, און — וואָס איז געווען אפשר אממערקווירדיקסטן — אייזן־פעסטער גלויבן אין מענטשן און אין ענדגילטיקן זיג פון דער גערעכטיקייט.

ס'איז דאָ צוויי זאכן, וואָס די מאָדערנע פּעדאגאָגיק האלט פאר די וויכטיקסטע פאַק־טאָרן אין דער דערציונג: דאָס איז — די קעגנזייטיקע באַציונג צווישן דעם דערציער און דעם דערצויגלינג און דער סביבה, אין וועלכער עס געפינט זיך דער יוגנטלעכער בעתן פּראָצעס פון דער דערציונג. אין ערשטן פאל האנדלט זיך אין דעם, אז צווישן דעם דערציער און יוגנטלעכן זאָל זיך אנטוויקלען אזא אינ־טים־חברישע באַציונג, אז דער יוגנטלעכער זאָל צו זיין דערציער האָבן פון איין זייט דעם אבסאָלוטן צוטרוי, פון דער צווייטער זייט — דעם פולסטן רעספּעקט.

אין צווייטן פאל גייט אין דעם, אז דער יוגנטלעכער זאָל האָבן דאָס געפיל, אז ער געפינט זיך נישט אין א צופעליק־צוזאמענגע־שטעלטער גרופּע, נאָר אין די ראמען פון א שעפערישן קאָלעקטיוו, וואָס איז פארבונדן מיט די שטארקע פעדעם פון א געמיינזאמען לעבנס־וועג.

ס'איז נישט שווער צו פארשטיין, אז די דאָזיקע צוויי וויכטיקסטע פּאָסטולאטן געפי־נען זייער פולסטע פארווירקלעכונג דווקא אינם דערציונגס־סיסטעם פון דער זעלבסט־שטענדיקער יוגנט־אָרגאַניזאציע, ווו דער דערציער מיט אלע זיינע דערצויגלינגען זיי־נען פעסט פארבונדן מיט איין און דעמזעלבן לעבנס־סטיל, מיט איין און דעמזעלבן אידעיש־פּאָליטישן וועג אין ענגן זין פון דעם וואָרט.

עס איז, אלזאָ, אויך פון ריין פּעדאגאָגיש־דערציערישן שטאנדפונקט נישט נאָר בארעכ־טיקט נאָר נויטווענדיק — דווקא אין די אינ־טערעסן פון דער יוגנט אליין — נישט צו באגרענעצן די פולסטע זעלבשטענדיקייט פון די עקזיסטירנדע יוגנט־אָרגאַניזאציעס.

כ'האָב אין מיינע באטראכטונגען באוווסט־זיניק אויסגעמיטן די פראגן פון ענגער צוזא־מענארבעט צווישן די יוגנט־אָרגאַניזאציעס און פון דער א.ג. „איינהייטלעכער קינדער־אָרגאַניזאציע", וואָס זיינען באריךט געוואָרן אין דעם ארטיקל „לאָמיר זוכן די סיבות" — ווייל די פראגן פאָדערן א ספּעציעלע באהאנ־דלונג.

צ. בראַום

קיין פוילן איז געקומען דער באוווסטער סאָוויעטישער שרייבער איליא ערענבורג. די לעצטע יאָרן איז דער נאָמען פון איליא ערענ־בורגן ענג פארבונדן מיטן אנטי־פאשיסטישן קאמף אין גאָר דער וועלט. בעת דער גרויסער פאָטערלענדישער מלחמה פון סאָוויעטיש; פאָלק זיינען די רויטארמייאישע דיוויזיעס געגאנגען באגייסטערטע אין שלאכט אונ־טערן שטארקן איינדרוק פון ערענבורגס מור־טיקע ארטיקלען. דער דאָזיקער גרויסער שריי־בער האָט מיט זיין קלוגן און טרעפלעכן וואָרט אויך געוועקט די סאָוויעטישע ארבעטער, פּויערים און אינטעליגענטן צו אומאויפהערלעכער וואכזאמקייט קעגן דעם בלוטיקן פאשיסטישן שונא. אויף איליא ערענבורגס דרייסטע ארויס־טרעטונגען האָט זיך אויך געשטאָלט דער כאַ־ראקטער פון די סאָוויעטישע יוגנטלעכע.

איליא ערענבורג איז א ייד און ער איז שטאָלץ מיט זיין אָפּשטאם. איליא ערענבורג איז א רוסישער שרייבער, זיין טעמאטיק איז אן אלמענטשלעכע. אין זיינע ביכער שילדערט ער אויך א סך יידישע מענטשן פון סאָוויעטישן דור. איליא ערענבורג האָט אָנגעשריבן א סך ביכער. צו די פּאָפּולערסטע ווערק זיינע געהערט „דאָס לעבן און טויט פון ניקאָלאי קורבאָוו", „אנדריי לאָבאָוו" און פיל אנד. צו זיינע לעצטע ווערק פון אנטי־פאשיסטישן כאַ־ראקטער געהערט דער גרויסער ראָמאַן „דאָס פאלן פון פאריז" און „דער שטורעם".

פאר זיין ווערטפולן ליטערארישן שאפן איז דער גרויסער סאָוויעטישער שרייבער אויסגע־צייכנט געוואָרן מיט דער ערנפולער סטאלין־פּרעמיע. פאר זיין שרייבערישער אקטיווקייט אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה איז איליא ערענבורג אויך באַלוינט געוואָרן מיט סאָוויעטישע שלאכט־אָרדנס.

וועגן דעם דערנער־וועג פון יידישן פאָלק בעת דער גרויזאמער היטלער־מלחמה, האָט איליא ערענבורג אָנגעשריבן א סך אינטערע־סאנטע ארבעטן. אין דעם — צוויי זאמלונ־גען פון מארטירער־דאָקומענטן אונטערן נאָמען „מערדער פון פעלקער".

די יידישע יוגנט אין גאָר דער וועלט האָט און דעם גרויסן שרייבער אן אויסגע־פּרוווטן פריינט און באשיצער.

צו זיין באַזוך אין פוילן באגריסט די יידי־שע יוגנט אין ערענבורגן דעם אויסגעצייכנטן שרייבער און מוטיקן קעמפער פאר פריַיהייט.

י. א

## פון יוגנט־לעבן אין דער גאַנצער וועלט

פ. זאַווידאַוויטש

# אויפן יוגנט־פעסטיוואַל אין פּראַג

באַלד נאָך דער מלחמה איז אנטשטאַנען א נייע אינטערנאַציאָנאַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאר א ציל צו פאראייניקן אין אירע רייען די יוגנט פון דער גאנצער וועלט, אומאָפּהענגיק פון שפּראַך, פּאָלק, ראַסע, לאַנד און קאָנטינענט, צום קאַמף קעגן מלחמה און פאשיזם, פאר דעמאָקראַטיע און אייביקן שלום — די וועלט־פעדעראַציע פון דער דעמאָקראַטישער יוגנט.

די לאָזונגען, וועלכע די אָרגאַניזאַציע האָט געוואָרפן צווישן דער יוגנט זיינען געווען אזוי פשוט און פּאָפּולער, אז זיי האָבן מאָמענטאַל געפונען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג און באַלד ביי איר אנטשטיין האט זי דערוואָרבן צענדליקער מיליאָנען מיטגלידער.

שוין פון 1945 י. הויבט זיך אָן: אין אייראָפּע, אמעריקע, אזיע, אפריקע און אויסטראַליע, אין די פרייע קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער — אַן אינטענסיווע צוגרייטונג צו אַט דעם פעסטיוואַל.

אין פּוילן איז געשאַפן געוואָרן א ספּעציעלער פעסטיוואַל־קאָמיטעט, וועלכער האָט ארומגענומען אַלע עקזיסטירנדע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: ז.וו.מ., טור, וויטשי, ז.מ.ד., און אין פרילינג 1947 י. זיך אָנגעהויבן גרייטן צום אויפטריט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום. אין דער אקציע האָט אויך געמאָלדן איר אנטייל די יוגנט־אָפּטיילונג ביים צ.ק. פון יידן אין פּוילן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן ארויסצושיקן 7 פאָרשטייער (צו איין דעלעגאַט פון יעדער יוגנט־אָרגאַניזאַציע).

בכדי די אַלע גרופּן זאָלן זיך ווי געהעריק איינלעבן און האָבן די פולע מעגלעכקייט זיך צוצוגרייטן, איז דורכן קאָמיטעט געשאַפן געוואָרן א לאַגער אין סלאַווע, וועלכן ס'האָבן געדאַרפט דורכמאַכן אַלע דעלעגאַטן צום פעסטיוואַל.

* * *

ווער ס'מיינט, אז קיין סלאַווע איז אזוי לייכט אָנצוקומען, האָט אַ טעות. בכדי צו פאָרן קיין סלאַווע מוז מען איינשטייגן אין וראָצלאַווער צוג אינמיטן דער נאַכט, ווען דו וואָלסט אוועקגעגעבן א מיליאָן פאר אַ מינוט שלאָף, דערנאָך דאַרף מען אויסשטייגן אין אָסטראָוו און וואַרטן אויף דער סטאַציע עטלעכע שעה, נאָכדעם איינזיצן אין צוג וואָס גייט קיין לעשנאָ. אין לעשנאָ שטייגט מען ווידער אויס און מ'זעצט זיך אריין אין אַ דריטן צוג, וואָס גייט ערשט קיין סלאַווע. וונדערט אייך נישט דעריבער, וואָס ביי אונזער דעלעגאַציע, וועלכע איז דאַן באַשטאַנען פון 3 מאַן: ח' שמוטער פון „השומר־הצעיר", חבר לענקינסקי פון „צוקונפט" און איך, ווען זי איז ענדלעך, נאָך א נאַכט נישט שלאָפן אָנגעקומען אויפן אָרט, און דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופן: סלאַוואַ! — האָט זיך ארויסגעריסן א קרעכץ: „סלאַוואַ טעביע האָספּאָדי".

דאָס שטעטעלע סלאַוואַ האָט זיך צו אונז באַצויגן זייער וואַרעם. פאר אונזער אָפּפאָרן האָבן מיר דעריבער איינגעאָרדנט אַן עפנטלעכן קאָנצערט און זיך פייערלעך געזעגנט מיט די בירגער. ביינאַכט זענען מיר איינגעזעסן אין צוג און צומאָרגנס האָבן מיר שוין געדאַרפט זיין אין אויסגעטרוימטן פּראָג. די גאַנצע צייט, וואָס מיר זיינען געפאָרן האָט די שפּאַנונג פון אַלע דעלעגאַטן געהאַלטן אין איין שטייגן: — ווי וועט עס אויסזעען אין פּראָג? וועט זיך די פּוילישע דעלעגאַציע ווי געהעריק רעפּרעזענטירן?

* * *

די געשיכטע פון דער יוגנט־באַוועגונג ווייסט נישט פון אַזאַ גראַנדיעזער אונטערנעמונג, ווי ס'איז געווען דער יוגנט־פעסטיוואַל אין פּראָג, זומער 1947 י.

אַן ערך 100 טויזנט אנטיילנעמער האָבן רעפּרעזענטירט קנאַפּע 50 מיליאָן יוגנטלעכע פון 71 פעלקער. בלויז אויסלענדישע דעלעגאַטן זיינען געווען אַן ערך 17 טויזנט. צוזאמען מיט זיי איז געקומען 98 ארטיסטישע גרופּן, וועלכע האָבן געציילט ארום 5,000 פערזאָן. איבער 3 וואָכן איז גלייכצייטיק געגאַנגען: אַ קאָנקורס פון כאָרן, טאַנץ־גרופּן און סאָליסטן, ספּאָרט־פארמעסטונגען פון אַלערליי מינים ספּאָרט; א שאַך־טורניר מיטן אנטייל פון 17 לענדער; א קאָנפערענץ „וועגן די נויטן פון דער יוגנט" מיטן אנטייל פון אַלע דעלעגאַציעס, באַזונדערע קאָנפערענצן און צוזאמענטרעפן צווישן פארשידענע דעלעגאַציעס. ס'זיינען אין משך פון אַט דער צייט איינגעאָרדנט געוואָרן עטלעכע פייערונגען און מיטינגען, וועלכע האָבן צוגעצויגן צענדליקער טויזנטער צושויער און אנטיילנעמער; עלף ביינאַכט, ווען ס'האָט זיך שוין געענדיקט דער גאַנצער פּראָגראַם פון טאָג האָט זיך אָנגעהויבן א צווייטער פארמעסט: אַ פארמעסט פון פילמען. 100 פילמען זיינען אין אַט דעם פארמעסט געוויזן געוואָרן אונטערן פרייען הימל יעדן אָוונט, ביי דער באַטייליקונג, נישט בלויז פון די יוגנט־דעלעגאַטן, נאָר אויך פון דער גאַנצער פּראַגער באַפעלקערונג; אין דער צייט פון פעסטיוואַל איז טעטיק געווען אַן אויסשטעלונג, וועלכע האָט אילוסטרירט דאָס לעבן און דעם קאַמף פון דער יוגנט פון 30 לענדער. ב...

צו דער עפענונג פון פעסטיוואַל האָט די טשעכישע רעגירונג דעלעגירט דעם וויצע־פּרעמיער ווילי‌אַם שוראַקי, צום שלום — דעם פּרעמיער גאָטוואַלד. באַזונדערע מיניסטאָרן זענען ארויסגעטרעטן אין דער צייט פון פעסטיוואַל. ספּעציעל אקטיוויזירט האָט זיך דער בילדונגס־מיניסטער קאָפּעצקי.

אויפן פעסטיוואַל זיינען אָנגעקומען באַגריסונגען פון אַלע עקן וועלט: פון שרייבער, קינסטלער, פּאָליטישע טוער — דעמאָקראַטן. ס'איז אָנגעקומען א וועגדונג פון אינדאָנעזיע און וויעטנאַם, וועגן הילף פון דער יוגנט אין זייער קאַמף פאר פרייהייט. ס'איז אויך אָנגעקומען א מוטערלעכע אָבער גלייכצייטיק באַלערנדע, טיפע ווענדונג פון פרוי טשו לין (די פרוי פון יאַט סען).

* * *

דער פעסטיוואַל איז געווען גראַנדיעז נישט בלויז אין זיין פאַרנעם, אין זיין אויסערלעכקייט; ער איז אימפּאָזאַנט אין זיין אינהאַלט, אין זיינע צילן. אין אויפרוף, וואָס איז געוואָרן ארויסגעלאָזט ביי זיין עפענונג לייענען מיר:

„...יוגנט פון דער גאַנצער וועלט! צוויי יאָר איז אדורך זינט דעם מאָמענט, ווען ס'איז צעשמעטערט געוואָרן היטלער־דייטשלאַנד און דאָס אימפּעריאַליסטישע יאַפּאָניע... עס איז דערגרייכט געוואָרן דער שלום, אָבער דער פאשיזם און רעאקציע עקזיסטירן ווייטער! מיר טאָרן נישט פארגעסן דעם קאַמף פון דער שפּאַנישער יוגנט קעגן טעראָריסטישן פראַנקאָ־רעזשים. מיר קאָנען נישט פארגעסן דעם קאַמף פון די יונגע גריכישע דעמאָקראַטן קעגן גוואַלט און אונטערדריקונג. מיר קאָנען נישט פארגעסן די קעמפער פון אינדאָנעזיע און וויעטנאַם קעגן דער אויסלענדישער הערשאַפט. מיר קאָנען נישט פארגעסן די מיליאָנען יוגנטלעכע פון די קאָלאָניעס, וועלכע געפינען זיך נאָך ביז היינט־צוטאָג אונטערן יאָך פון אימפּעריאַליזם... מיר קאָנען נישט זיין גלייכגילטיק, ווען ס'פארגיסט זיך דאָס בלוט פון די כינעזישע סטודענטן און יוגנט בלויז דערפאר, וואָס זיי פאָדערן מ'זאָל אַ סוף מאַכן צום בירגער־קריג און אויסלענדישער אינטערווענץ.

מיר זיינען יונג. מיר האָבן ליב ס'לעבן... דערפאר וועלן מיר אויפהויבן אונזער שטים קעגן די, וועלכע זייען די זוימען פון קריג ...ווישן פעלקער.

ווו מיר זאָלן נישט זיין, ווער מיר זאָלן נישט זיין, וואָס פאר א קאָליר הויט מיר זאָלן נישט האָבן, שווערן מיר, נישט צו רוען אזוי

לאַנג, ווילאַנג יעדער, וואָס וויל אַרבעטן וועט נישט באַקומען קיין אַרבעט, ביז די טויערן פון די שולן און אוניווערסיטעטן וועלן נישט זיין אָפן פאַר אַלע, ביז די נויטן פון דער יוגנט וועלן נישט ווערן געלעזט.

...יוגנט, פאַראייניקט אייך! פאַרויס, פאַר אַן אייביקן שלום!"

די דעמאָקראַטיע דערהויבט די מענטשלעכע ווירדע ביז צו די העכסטע שפּיצן. נישטאָ קיין העכערע און נידעריקע ראַסן, קיין פעלקער — אונטערדריקער און אומווירדיקע פעלקער — ס'עקזיסטירט דער גרויסער שעפערישער מענטש. אויף די פאָרשטעלונגען, קאָנקורסן און פאַרמעסטונגען האָבן זיך געשטעלט, ווי גלייכע מיט גלייכע פאָרשטייער פון קאָלאָניאַלע, שוואַרצע פעלקער מיט פאָרשטייער פון די מעכטיקע פעלקער און יעדער האָט באַוויזן זיין אייגענע, נאַציאָנאַלע קולטור. ווי ווייט איז די דעמאָקראַטישע מאָראַל פון דער מענטשנפרעסערישער פאַשיסטישער ראַסן־טעאָריע!

דער גרעסטער שונא פון פרייען ווילן איז דער אונטערדריקער און קעגן אים איז געווען געווענדעט דער כעס פון דער יוגנט פון אַלע לענדער. די עמפּערונג קעגן די אונטערדריקער איז געוואָרן אויסגעדריקט אין די פאַרשידנסטע פאָרמען. דער איראַנישער יוגנט־דעלעגאַציע איז נישט דערלויבט געוואָרן אנטיילצונעמען אין פעסטיוואַל. אָבער דאָס האָט נאָך מער דערנענטערט די איראַנישע יוגנט מיט דער יוגנט פון אַלע לענדער: ווען בעת דער עפענונג מאַרשירן אַריין פאַרשידענע יוגנטלעכע דעלעגאַציעס מיט פענער, ווערט צווישן די ערשטע געטראָגן אַ טראַנספּאַראַנט מיט אַן אויפשריפט: דאָס אָרט פאַר איראַן. וויפל וואַרעמקייט און סימפּאַטיע איז אויסגעדריקט געוואָרן דער איראַנישער יוגנט דורך אַזאַ מאַניפעסטאַציע! די איראַנישע יוגנט, וועלכע איז דורך איר רעגירונג נישט געוואָרן צוגעלאָזט צום גרויסן יוגנט־יום־טוב, איז אָבער נישט פאַרגעסן געוואָרן אין די טעג פון גרויסן יום־טוב דורך דער פרייהייטס־ליבנדער יוגנט. דאָס איז גלייכצייטיק געווען אַ פּאַטש אין פּנים דער איראַנישער רעגירונג.

***

אין דער צייט פון פעסטיוואַל איז פּראָג געוואָרן אָנגעשטעקט מיט יונגער שטיפערישקייט און זאָרגלאָזער יוגנט־פרייד. אָט גייט די איטאַליענישע דעלעגאַציע. פאַר פריילעכקייט האָבן זיי זיך אָנגעטאָן אין לאַנגע פלאַכע היטלען מיט פעדערן, באַמביקלעך און פאַרשידענע צאַצקעלעך. טוט מען אַ קוועטש ביי אַ שנירל צינדט זיך אָן אַ לעמפּעלע אויפן סאַמע שפּיץ קאָפּ, טוט מען אַ צווייטן קוועטש גיט דאָס היטל אַ סיגנאַל ווי אַן אויטאָ; בעלגישע דעלעגאַטן: זשורנאַליסטן און סטודענטן האָבן זיך אָנגעטון אין ברייטע שטרויענע קאַפּעליושן פון אַן אומבאַשטימטער פאָרם און פאַראַדירן אין זיי; די יוגאָסלאַווישע דעלעגאַציע — שטייט ביים טראַמוויי. ביז וואָס ווען איז שוין געשאַפן אַ „קאָלאָ" און ס'פאַרפלעכט זיך אַ טאַנץ, צו וועלכן ס'שטייען צו פראַנצויזן, פּאָליאַקן, טשעכן, נעגער, און ווער נאָר עס קומט אונטער. אינמיטן גאַס אין אַ געוויינלעכן מיטוואָך, פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט איז פּראָג פול מיט יוגנט־געזאַנג, מיט אייגנאַרטיקער, זאָרגלאָזער יוגנט־פרייד.

ערב אונדזער אַוועקפאָרן איז אויף דער ווּלטאַווע פאָרגעקומען אַ ווענעציאַנער נאַכט. עטלעכע גרויסע שיפן, אָנגעפּאַקטע פון אונטן ביז אַרויף מיט מענטשן, און איבער הונדערט קליינע שיפלעך, אויסגעפּוצטע מיט פענער, שירעמען און פאַרשידנקאָלירקע, פאַנטאַסטישע באַפּוצונגען האָבן זיך געלאָזט שווימען אויפן טייך. אין די שיפלעך — פּראָגער בירגער: יונגע מיידלעך מיט בחורים, אַלטע פּאָר



שפּאַנישע דעלעגאַציע אויף דעם פעסטיוואַל
רעכטס די טאָכטער פון דאָלאָרעס איבאַרורי

פעלקער, פרויען מיט קליינע קינדער, און אַלץ וויגט זיך אויף די רויקע זומערדיקע וואַסערן פון דער ווּלטאַווע. די ברעגעס און די בריקן זענען באַלאַגערט פון צענדליקער טויזנטער איינוווינער פון פּראָג און אומגעגנט, וועלכע זענען געקומען ביי־וווינען דעם ספּעקטאַקל. ווען ס'איז שוין געוואָרן אינגאַנצן פינסטער האָבן צוויי פּראָזשעקטאָרן מיטאָמאָל באַלויכטן אַ שיף, אויף וועלכער ס'איז פאָרגעקומען אַן אַרטיסטישע פאָרשטעלונג. די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט. אַרום און אַרום פינסטער. שוואַרץ איז די נאַכט, ס'איז שוואַרץ די ווּלטאַווע. בלויז פון דערווייטנס שיינען די שטאָטישע ליכטער און פון הימל פינקלען די שטערן. מיטאַמאָל רייסט אַדורך די נאַכט אַ ליכט־פּאַס, וועלכער גייט פון דער ערד אַרויף, בייגט זיך איין אין אַ האַלב ראָד און גיט זיך אַ צעשפּריץ אין צענדליקער קאָלירן, וועלכע פאַלן אַריין אין דער ווּלטאַווע. אויף איין אויגנבליק ווערט ווידער פינסטער, נאָך פינסטערער ווי פריער. אָבער באַלד רייסן אויף ווידער און ווידער פילקאָלירקע ראַקעטעס, וועלכע פאַרוואַנדלען זיך אין לענגענדאַרע פיגורן: אָט צעשפּרייט זיך איבער דער גאַנצער ברייט פון טייך אַ וואַסערפאַל, וועלכער רוישט און „גיסט" זיך אין דער ווּלטאַווע, און אָט שיינט אויף פאַר אונדזערע אויגן אַ קאָלאָסאַלער עמבלעם פון דער וועלט־פעדעראַציע.

אָט דרייט זיך אַ פילקאָלירקער קאַראַבאַד און אָט שטראָמען פון אונטן אַרויף און פון אויבן אַראָפּ אַ ים פון רעגנבויגנס. ביז אין דער שפּעטער נאַכט זענען מיר געזעסן, ווי די קליינע קינדער צוגעשמידט צו דעם ספּעקטאַקל — טויזנט און איין נאַכט.

ווער זאָגט עס, אַז ס'איינציקע מיטל צו פאַרשטענדיקן זיך איז שפּראַך? ס'עקזיסטירט עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז פאַרשטענדלעכער פון שפּראַך: נאָענטע הערצער, וואָס קלאַפּן אין איין טאַקט, געמיינזאַמער ווילן פון יוגנטלעכע, וועלכע מעגן זיין ווייט פון זיך אויף טויזנטער קילאָמעטער, ווילן צו פאַרניכטן אַ שונא, וואָס באַדראָט אַלע צוזאַמען. אין רייען גייען פאַרשידענע דעלעגאַציעס. איינער דעם צווייטן פאַרשטייט נישט. ס'איז אָבער גענוג, אַז עמעצער פון זיי זאָל זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל, און גלייך ווערט ער אונטערגעכאַפּט דורך אַלע. און אין פאַרשידענע שפּראַכן צעגיסט זיך איין מעכטיק געזאַנג, וואָס וועקט, רופט, וואַרעמט און מונטערט, און קלינגט גלייכצייטיק ווי אַ דראָונג פאַר די, וועלכע וואָלטן געוואָלט אין אָט די יונגע פרייע נשמות געפינען קרבנות פאַר זייערע טונקעלע צוועקן.

אין דעם גראַנדיעזן יוגנט־פאַרמעסט פון פעלקער און לענדער האָט דעם אויבנאָן פאַרנומען ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער האָט צוגענומען 26 פּריזן: 20 ערשטע, 5 צווייטע, 1 דריטן. אומעטום, ווו ס'האָט זיך באַוויזן די ראַטנפאַרבאַנדישע דעלעגאַציע איז זי געוואָרן אויפגענומען מיט אַן אומבאַשרייבלעכן ענטוזיאַזם. דער סאָוויעטישער פּאַוויליאָן אויף דער אויסשטעלונג האָט באַגייסטערט מיט זיין אימפּעט און פאַרנעם. אויף אַ סאָוויעטישער פאָרשטעלונג איז שווער געווען אָנצוקומען אַפילו מיט בילעטן. ס'האָט זיך שיין רעפּרעזענטירט די יוגאָסלאַווישע דעלעגאַציע, וועמענס כאָר ס'האָט פאַרנומען ס'ערשטע אָרט (ס'צווייטע — האָט פאַרנומען פּוילן און ס'דריטע — פּאַלעסטינע). ס'האָבן זיך גוט געוויזן די בולגאַרישע, טשעכישע, פּוילישע דעלעגאַציעס. אַן אָנגעזען אָרט צווישן די דעלעגאַציעס האָט אויך פאַרנומען פּאַלעסטינע. בכלל האָבן זיך די פאָלקס־דעמאָקראַטישע יוגנט־דעלעגאַציעס רעפּרעזענטירט זייער שיין. ביי פאַרשידענע געשפּרעכן מיט פאָרשטייער פון אַמעריקאַנער, שווייצאַרישער, עסטרייכישער יוגנט פלעגט זיך גאַנץ אָפט הערן דער אויסדרוק פון אַ לייכטער קנאה: — „וואָס גלייכט איר זיך צו אונדז? — ביי אייך זענט איר דאָך די פולע בעלי־בתים". אָדער: „דאָס שווערסטע האָט איר שוין דורכגעמאַכט, און אונדז שטייט עס איצט פאָר".

בעת די פאַרשידענע צוזאַמענטרעפן, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט די דעלעגאַציעס און באַזונדערע דעלעגאַטן האָבן מיר זיך באַמיט וואָס נענטער זיך צו באַקענען מיטן לעבן פון דער יוגנט אין פאַרשידענע לענדער. ספּעציעל האָט אונדז נאַטירלעך אינטערעסירט דאָס לעבן פון די יידן אין די באַזונדערע לענדער. אָבער וועגן דעם — אין אַ צווייט אַרטיקל.

פּ. זאַווידאָוויטש




# לאַנד=באַראַטונג פון די לייטערס

## פון די יוגנט=היימען און יוגנט=אָפּטיילונגען ביי די יידישע קאָמיטעטן

צוויי טעג, דעם 24־טן און 25־טן אָקטאָבער הייאָר איז אין וואַרשע פאָרגעקומען א לאַנד־באַראַטונג פון די לייטערס פון די יוגנט־היימען און יוגנט־אָפּטיילונגען. דאָ זיינען באַהאַנדלט געוואָרן וויכטיקע פּראָבלעמען פון ייד. יוגנט־לעבן, פראַגן פון דערציונג, ווי אויך פון פינאַנסיעלן אוןווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער.

מיט רעפעראַטן זיינען ארויסגעטרעטן: ח' חיהקע גראָסמאַן „פּראָבלעמען פון דערציונג פון דער יידישער יוגנט", א. קוואַטערקאָ — „די ארבעט פון די ייד. יוגנט־היימען אין לאַנד". אין די דעבאַטן זיינען ארויסגעטרעטן א צוויי צענדליק רעדנער, וועלכע האָבן באַטאָנט וועגן א פילפאַרביקן און רייכן קולטור־לעבן אין די יוגנט־היימען. עס זיינען אויך באַרירט געוואָרן נעגאַטיווע מאָמענטן אין דער ארבעט און עס זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן נייע אויפגאַבן פאַר דער ווייטערדיקער טעטיקייט.

א גענויעם באַריכט וועגן דער באַראַטונג וועלן מיר ברענגען אין קינפטיקן נומער פון אונזער זשורנאַל.

היינט פאַרעפנטלעכן מיר די אָנגענומענע רעזאָלוציע:

# רעזאַלוציע פון דער לאַנד=באַראַטונג פון די יוגנט=טוער

די לאַנד־באַראַטונג פון די לייטערס פון די יוגנט־היימען און אָנפירער פון די יוגנט־אָפּטיילונגען ביי די יידישע קאָמיטעטן, נאָכן אויסהערן די רעפעראַטן און דיסקוסיעס, שטעלן פעסט פאָלגנדעס:

1. די אנדערהאַלבן־יעריקע עקזיסטענץ פון די יידישע יוגנט־היימען אין לאַנד, האָט אָפּגעשפּילט א וויכטיקע ראָל ביים דערציען א באַדייטנדיקן טייל פון דער יידישער יוגנט אין נאַציאָנאַלן גייסט אויף א דעמאָקראַטיש־פּראָגרעסיווער באַזע. די יוגנט־היימען האָבן דורך זייער ארבעט דערמעגלעכט דאָס פּראָדוקטיוויזירן און איבערפירן די יוגנט צו שעפערישער און נוצלעכער ארבעט פאַר דער געזעלשאַפט, האָבן געמאַכט וויכטיקע אָנשטרענגונגען פאַר דערציען א נייעם טיפּ מענטש, א ווירדיקן ייד און א שטאָלצן בירגער פון דעם נייעם דעמאָקראַטישן פאָלקס־פּוילן.

2. די גרויסע דערגרייכונגען אויף אלע געביטן פון אונזער לעבן זיינען מעגלעך געוואָרן אדאַנק דער סטאַביליזאַציע פון דעם אלגעמיינעם לעבן אין לאַנד, אדאַנק דער פאַרפעסטיקונג און קאָנסאָלידאַציע פון דעם דעמאָקראַטישן לאַגער, וואָס דריקט זיך אויס אין דעם איינהייטס־טאַט פון די צוויי ארבעטער־פּאַרטייען, אין בונד פון ארבעטער־קלאַס מיטן פּויערטום.

3. די יידישע יוגנט סאָלידאַריזירט זיך פולשטענדיק און פאַראייניקט איר שטים צו די איינהייטלעך אָנגענומענע רעזאָלוציעס אויפן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די יידישע קאָמיטעטן און באַטאָנט דערביי: די נויטווענדיקייט פון אויסשמידן און פאַרטיפן די איינהייט צווישן דער יידישער יוגנט, פאַר ווייטער קענען דערפאָלגרייך בויען און אנטוויקלען אונזערע אינסטיטוציעס, דערציען און איינפלאַנצן ביי דער יוגנט דעם גייסט פון דעמאָקראַטיע און פּראָגרעס, פרייהייט און שלום. קעגן רעאַקציע און אָנוואַקסנדיקן פאַשיזם, פאַר א פרייער און גערעכטער וועלט.

4. פאַר די לייטערס פון די יוגנט־היימען שטייען א גאַנצע ריי אויפגאַבן.

א. פאַרטיפערן די קאָנסטרוקטיווע ארבעט ביי דער יידישער יוגנט, ווייטערדיקע פּראָדוקטיוויזאַציע, פאַך־בילדונג און אלגעמיינע לערע. פאַרשטאַרקן די קולטור־דערציערישע ארבעט אין דער יידישער שפּראַך, דערנענטערן אונזער יוגנט צו די קולטור־אוצרות פון אונזער פאָלק, באַקענען זיי מיט די רומפולע פרייהייטס־מאָמענטן אין דער יידישער געשיכטע, פאַרשטענדיקן זיך מיט די גרויסע שאַפונגען פון קולטור און קונסט.

ב. אָפּהיטן און רעאַליזירן די הויפּט־אויפגאַבע פון די יוגנט־היימען — צוגרייטן אירע דערצויגלינגען צו א זעלבשטענדיק לעבן.

ג. שטרענג האַלטן זיך און נישט איבערשטרייטן דעם מאָדוס פון אָננעמען קאַנדידאַטן אין יוגנט־היים, גיין אויפן וועג פון אנטלאַסטן איר פון דעם עלטערן, איבערגעוואַקסענעם און גוט סיטואירטן עלעמענט.

ד. סיסטעמאַטיזירן די קולטור און דערציונגס־ארבעט, לויט אַן אלגעמיינעם און צענטראַליזירטן קולטור־פּלאַן, אויסגעארבעט דורך דער יוגנט־אָפּטיילונג ביים צ.ק. פון די יידן אין פּוילן.

ה. ווייטער פאָרזעצן, אלס אָבליגאַטאָרישער באַשטאַנד־טייל אין יוגנט־היים, די פיזישע דערציונג, פאַרנעמען זיך מיט ספּאָרט אין אלע אָפּצווייגן און מאַכן באַמיונגען פאַר אַן איינהייטלעכער ספּאָרט־באַוועגונג.

ו. רעגולירן און פּרעציזירן די פעסטגעשטעלטע אָפּצאָלן, לויט דער אינדיווידועלער לאַגע פון יעדן בורסאַנט.

ז. אַנטוויקלען די געהילפס־וואַרשטאַטן און גרינסן־גערטנער, וואָס וועלן דערמעגלעכן העכערן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט פון די בורסאַנטן.

ח. שטעלן זיך אין קאָנטאַקט מיט די קאָמונאַלע, ווירטשאַפטלעכע און קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס, מיטן צוועק צו באַקומען מאַטעריעלע הילף אין פאַרשידענע פאָרמען.

ט. גיין אויפן וועג פון קאַמאַסירן די קליינע יוגנט־היימען, נאָכן באַקענען זיך מיט יעדער יוגנט־היים באַזונדער.

י. פאַרבעסערן און פאַרטיפערן די צוזאַמענאַרבעט מיט דער געזעלשאַפט „אָרט" ביים פאַראיינהייטלעכן די קולטור און דערציונגס־ארבעט, מיטהעלפן ביי דער פאַך־אויסבילדונג פון דער יוגנט.

# פאַר דער אַנטשיידונג

(סוף פון זייט 13)

די גרויסע צאָל שיפן מיט א.ג. אומלעגאַלע, וואָס זיינען געגאַנגען צו די ברעגעס פון לאַנד, דער באַוואָפנטער קאַמף פון דער הגנה, נישט רעדנדיק וועגן רעוויזיאָניסטישן טעראָר, וואָס ברענגט אונז בלויז שאָדן, דאָס ארויפגיין אויפן באָדן פון נגב — דאָס אלץ זיינען געווען שטאַרקע קלעפּ פאַרן ענגלישן אימפּעריאַליזם. אָן דעם אלעם וואָלטן די ענגלענדער שטיל און רויק פאַרווירקלעכט די ראַסיסטישע געזעצן פון „ווייסבוך", די וועלט וואָלט נישט געוואָרן אויפגערודערט, דער א"י־ענין וואָלט נישט דערגאַנגען צום פאָרום פון אונאָ און אונזערע דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע פריינט אין דער וועלט וואָלטן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אונז צו העלפן פּאָליטיש.

ארויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט מוז אונזער נאַציאָנאַלער קאַמף פון גאַנצן יידישן פאָלק פאָרגעזעצט ווערן מיט נאָך א גרעסערער העפּלה, קאָלאָניזאַציע און געראַנגל. דאָס אלץ מוז געטאָן ווערן אומאָפּהענגיק און גלייכצייטיק מיט די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרהאַנדלונגען ארום א"י. דער דאָזיקער קאַמף וועט פיל משפּיע זיין אויפן גאַנג פון די פאַרהאַנדלונגען. ער וועט מוזן ברענגען פרייהייט און רעכט פאַרן יידישן פאָלק, וואָס קערט זיך אום אין זיין היימלאַנד און פאַר דער אַראַבישער באַפעלקערונג, וואָס באַוווינט דאָס לאַנד.

ט. באָשיקאָווסקי

# רעזאָלוציע

## פון דער קאָנפערענץ פון די פאָרשטייער פון די יידישע קאָמיטעטן

די לאנד־קאָנפערענץ פון די פארשטייער פון די יידישע קאָמיטעטן שטעלט פעסט:

1. די אימפעריאליסטישע כוחות באמיען זיך צו צעטיילן די וועלט אויף צוויי פיינטלעכע לאגערן און צוריק אויפבויען דעם דייטשן פעלקער־באדראָענדיקן נעאָ־פאשיזם. די אפּוטרופּסים פון דייטשלאנד טוען אלץ, כדי וואָס גיכער צו רעהאביליטירן דאָס דייטשע פאָלק און פריי מאכן דעם וועג פארן ווידערגעבורט פון דייטשן מיליטעריש־ווירטשאפטלעכן פּאָטענציאל. קויט די פּלענער פון די אנגלאָ־זאקסישע אימפעריאליסטן און זייערע מיטהעלפער אין אייראָפּע, דארף דאָס זעלביקע דייטשלאנד, וואָס האָט דער גאנצער מענטשהייט, און אין דער ערשטער ריי דעם יידישן פאָלק פארשאפט אזוי פיל אומגליקן, באקומען דאָס בכורה־רעכט פון ווירטשאפטלעך־עקאָנאָמישן אויפבוי. באפרייט ווערן פון דעם חוב צו פארגיטיקן דורך איר די געמאכטע פארניכטונגען, פון געניסן אין דער ערשטער ריי פון דער אמעריקאנער הילף. די געגרייטע רעהאביליטאציע פון דייטשלאנד דארף אין סאמע הארצן פון אייראָפּע אויפשטעלן א פּלאצדארם פאר די אימפעריאליסטישע מלוכות אין זייער קאמף קעגן די פאָלקס־דעמאָקראטישע לענדער. די יידן אין פּוילן גיבן זיך אָפּ א חשבון, אז נאָך קיינמאָל איז דער גורל פון אונזער פאָלק, אונזער נאציאָנאַלער קיום און אונזער עצם־פיזישע עקזיסטענץ נישט געווען אזוי געקניפּט און געבונדן מיטן זיג פון די כוחות פון שלום און פּראָגרעס אין דער וועלט, ווי אין איצטיקן מאָמענט.

2. אין מאָמענט, ווען עס ווערן געמאכט די לעצטע צוגרייטונגען צו פיקסירן דעם שלום־אָפּמאך מיט דייטשלאנד, רופט ארויס די קאָנפערענץ פון די יידישע קאָמיטעטן אין פּוילן, וואָס רעפּרעזענטירט נישט נאָר דעם הונדערט טויזנטדיקן יידישן ישוב, נאָר אויך די העכער דריי מיליאָן ברידער אונזערע, וואָס זיינען געפאלן א קרבן פון דייטשן היטלעריזם, די פאָדערונג צו לייגן א שטארקע דאמבע דעם דייטשן אויפוואכנדיקן רעוויזיאָניזם, נישט צו דערלאָזן, אז דייטשלאנד, דער אגרעסאָר, זאָל אויפגעבויט ווערן אויפן חשבון פון זיינע קרבנות, דורכצופירן מיט דער גאנצער הארבקייט פון געזעץ דעם דענאציפיקאציע־פּראָצעס, דורכזעצן אין לעבן דעם פּרינציפּ, אז דייטשלאנד מוז אין א גרויסער מאָס אויסטראָגן די לאסט פון דעם מאטעריעלן שאָדן, וואָס איז דורך דייטשלאנד פארשאפט געוואָרן. צווישן אלע פעלקער וואָס האָבן אזוי פיל געליטן אונטער דעם היטלעריסטישן יאָך, האָט אויך דאָס יידישע פאָלק דאָס רעכט צו פאָדערן, אז אין די ראמען פון די דייטשישע רעפּאראציעס זאָל געשאפן ווערן א פאָנד, וואָס זאָל אים העלפן אויפריכטן זיין חרוב־געוואָרענע עקזיסטענץ און פארשנעלערן זיין נאציאָנאַלן אויפבוי.

3. די קאָנפערענץ שטעלט פעסט מיט באפרידיקונג די גרויסע דערגרייכונגען, וואָס די פּוילישע פאָלקס־דעמאָקראטישע רעגירונג, וועלכע רעפּרעזענטירט די עיקרדיקע אינטערעסן פון פּוילישן פאָלק און אלע בירגער אין לאנד, האָט צו פארצייכענען אויף אלע געביטן פון פּאָליטיש־ווירטשאפטלעכן און קולטור־לעבן פון לאנד. ס׳זיינען ליקווידירט געוואָרן די נעסטן פון רעאקציע אין פּוילן, די נ.ס.ז. און ווין־באנדעס, וואָס האָבן באדראָט דאָס לעבן פון פּוילישע דעמאָקראטן און יעטוועדן פּוילישן ייד; האָט מעגלעך געמאכט שטארקע טעמפּן ביים רעאליזירן דעם דריי יאָריקן ווירטשאפט־לעבן פּלאן אלס אנהייב פון דער מלוכהשער פּלאן־ווירטשאפט. ס׳האָט זיך פארשטארקט די ראָל פון פּוילן אויפן אינטערנאציאָנאַלן פאָרום אלס פאקטאָר, וואָס קעמפט פאר שלום און פעלקער־פרייהייט. דאָס אלץ איז מעגלעך געוואָרן א דאנק דער פארשטארקונג פון קאָנסאָלידאציע־פּראָצעס פון פּוילישן פאָלק, אונטער דער אָנפירונג פון דעמאָקראטישן לאגער מיט זיינע ארבעטערפּארטייען בראש.

4. די רעפּרעזענטאנץ פון פּוילישן יידנטום פּראָטעסטירט ווי אמשארפסטן קעגן יעטוועדן פּרוּוו צו רעווידירן די איצטיקע מערב־גרענעצן פון דער פּוילישער רעפּובליק, וואָס איז די גרעסטע געפאר פאר איר אומאָפּהענגיקייט און סוווערעניטעט. מיר זעען אין דעם נישט נאָר א בולטן אויסדרוק פון דער פּאָליטיק, וואָס צילט ווידער אויפצובויען א נעסט פון מיליטאריזם און רעוואנש אין אייראָפּע, נאָר אויך א דירעקטע באדראָונג פון דעם נייעם יידישן ישוב אין פּוילן, וועמענס גרעסטער טייל קאָנצענטרירט זיך דווקא און נידערשלעזיע און שטשעטשין.

אויפן פאָן פון סטאביליזירונגס־פּראָצעס אין לאנד איז אונזער חוב נאָך מער צו פארשטארקן אונזער ארבעט פארן פארפעסטיקן און פארטיפן דעם נאציאָנאַל־שעפערישן כאראקטער פון יידישן ישוב, זאָרגן פאר דער אנטוויקלונג פון יידישער קולטור און שפּראך, אקטיוו אנטקעגנשטעלן זיך אלע טענדענצן פון אסימילאציע, זאָרגן פאר דער אויסבילדונג פון קאדרען, וועלכע זאָלן קענען קאָנטינואירן דעם פּראָגרעסיוון נאציאָנאַל־שעפערישן כאראקטער פון יידישן ישוב אין פּוילן.

5. פארשידנארטיק זיינען די אופנים, מיט וועלכע די ענגליש־אמעריקאנישע אימפעריאליסטישע רעאקציע באדראָט די אינטערעסן פון יידישן פאָלק. מען קעמפט קעגן אונז מיט ביטערקייט און געוואלט, מיט אונטערשטיצן אלע רעאקציאָנערע כוחות אין די באנייטע מזרח־ און מיטל־אייראָפּעישע מלוכות, מיטן ברוטאלן נעיעג אויף אונזערע היימלאָזע ברידער, מיט פּראָוואָקאטאָרישע נאציאָנאַליסטישע העצע, מיט האָדעווען דעם אנטיסעמיטיזם, מיטן איינפירן א מיליטעריש־פּאָליציייאישן רעזשים און ראסיסטישע אויסנאָם־געזעצן אין ארץ־ישראל.

אונזער צוקונפט איז אויף טויט און לעבן געבונדן מיט דעם לאגער פון פּראָגרעס און דעמאָקראטיע, פון פעלקער־פריינטשאפט און שלום. נאָר די כוחות פון דעמאָקראטיע קאָנען אונז פארזיכערן דעם אויפבוי פון אונזערע חרוב־געוואָרענע עקזיסטענצן, נאָר זיי וועלן אונז דערמעגלעכן די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון אונזער נאציאָנאַלער קולטור, נאָר אין זיי וועלן מיר געפינען דעם אמתן אנשפּאר ביי דער רעאליזאציע פון אונזערע נאציאָנאַלע אספּיראציעס. אן איבעריקער באווייז דערפאר איז: אונזער נייער סטאביליזירטער, עקאָנאָמיש־איינגעפונדעוועטער ישוב אין פּוילן, די שטעלונג, וועלכע די פאָלקס־דעמאָקראטישע לענדער מיט ראטנפארבאנד און פּוילן בראש האָבן פארנומען אין דער פראגע פון „עקזאָדוס" און ביי באהאנדלען דאָס פּאלעסטינע־פּראָבלעם אויפן פאָרום פון די פאראייניקטע נאציעס. מיט טיפער דאנקבארקייט האָט די יידישע באפעלקערונג אין פּוילן אויפגענומען די האלטונג פון דער גאנצער דעמאָקראטישער וועלט, וועלכע האָט אין דעם פאל „עקזאָדוס" דערזען נישט נאָר א ברוטאלע באהאנדלונג פון טויזנטער יידישע קרבנות פון דער היטלער־תקופה, נאָר אויך א טיפע פארלעצונג פון אונזערע נאציאָנאַלע רעכט, א באליידיקונג פון נאציאָנאַלן כבוד פון שווער־געפּרוּווטן יידישן פאָלק. מיט טיפער דאנקבארקייט נעמען מיר אויף די אויפריכטיקע ערנסטע שטעלונג און באציונג מצד די פארשטייער פון ראטנפארבאנד, פּוילן, טשעכאָסלאָוואקיע און אנדערע פאָלקס־דעמאָקראטישע לענדער בנוגע דעם פּאלעסטינע־פּראָבלעם, פאר דער פאָדערונג א סוף צו מאכן מיט די אימפּעריאליסטישע מאכינאציעס ארום לאנד, פאר זייער באציונג צו דער יידישער איינוואנדערונג אין פּאלעסטינע, פאר דערמעגלעכן די יידן זייער פרייע, מלוכהש־פּאָליטישע און נאציאָנאַלע אנטוויקלונג אין פּאלעסטינע, פאר זייער שטרעבונג צו שטיצן אין לאנד די גערעכטע אספּיראציעס פון ביידע פעלקער און דערפירן צו א פארשטענדיקונג און צוזאמענלעבן פון יידן און אראבער.

די דערקלערונגען פון אמב. גראָמיקאָ און אמב. ווינעוויטש, וואָס זיינען געמאכט געוואָרן אין אונ״אָ אין שייכות מיט דער א״י־פראגע וועלן אריין אין דער געשיכטע פון אונזער צייט, אלס באווייזן פון אמתער פארשטענדעניש מצד די פאָלקס־דעמאָקראטיעס פאר דער טראגעדיע, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אדורכגעלעבט.

6. די קאָנפערענץ פּראָטעסטירט ווי אמשארפסטן קעגן דער אנטי־דעמאָקראטישער און טעראָר־פּאָליטיק אין פּאלעסטינע און קעגן דאָס האלטן א גרויסע טייל יידן אין די לאגערן.

די קאָנפערענץ פאָדערט פון אלע דעמאָקראטישע לענדער און פעלקער, בתוכם פון אמעריקאנישן און ענגלישן פאָלק, דאָס תיכּפדיקע ליקווידירן פון די לאגערן און געבן פרייע מעגלעכקייטן פון עמיגרירן קיין פּאלעסטינע און אין אנדערע לענדער.

אונזער צוקונפט, די צוקונפט פונם יידישן פאָלק, דעם צוריקאויפבוי פון חרובע יידישע ישובים אין דער גארער וועלט און אין פּאלעסטינע זעען מיר נאָר אין א געאייניקטער וועלט, וואָס איז נישט געטיילט אין פיינטלעכע בלאָקן, אין א וועלט, וואָס איז פריי פון מלחמה־געפאר און פון פאשיסטישן געשפּענסט. אין אזא וועלט, פאר וועלכער עס קעמפן אלע פּראָגרעסיווע מענטשלעכע כוחות.

# אפמאך וועגן צוזאמענארבעט

## צווישן די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס „טור" און ז.וו.מ.

אין דער גאנצער פוילישער פרעסע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער טעקסט פון דעם היסטאָרישן אָפּמאַך פון די צוויי יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. מיר ברענגען די וויכטיקסטע אויסצוגן פון אָפּמאַך וועגן דער צוזאמענאַרבעט:

1. די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס „טור" און ז.וו.מ. וועלן דערציען זייערע קאדרען און אלע מיטגלידער אין גייסט פון אייניקייטס־פראָנט פון ארבעטער־קלאס און ארבעטער־און פויערים־בונד, אין גייסט פון קעגנזייטיקן צוטרוי, ווי אויך אין סטאַבילן פאַרפעסטיקן די צוזאַמענאַרבעט צווישן אָמטור און ז.וו.מ.

בײדע זעלבשטענדיקע און גלייכע אָרגאַניזאַציעס, שוינענדיק קעגנזייטיק זייער אידעאָלאָגיע און סטרוקטור, וועלן באַשטימען צווישן זיך א שטעלונג אין באַצוג צו אלע וויכטיקע פראָבלעמען פון דער יוגנט־באַוועגונג.

בײדע אָרגאַניזאַציעס וועלן מיט אלע מעגלעכע מיטלען באַקעמפן אין זייערע רייען און אויסער זיי, די פרוּוון זיך אומצוקערן צו די באַקעמפטע רעאַקציאָנערע געזעלשאַפטס און דערציונגס־קאָנצעפּציעס, וועלכע זיינען אין קעגנזאַץ צום פרינציפּ פון סאָלידאַריטעט און די אינטערעסן פון דער ארבעטנדיקער יוגנט.

2. בײדע אָרגאַניזאַציעס וועלן אנטוויקלען גמיינזאַם אַן אַלזייטיקע טעטיקייט אין קאַמף פאַר א דויערהאַפטן שלום און פרייהייט פון די אונטערדריקטע פעלקער, פאַר ברידערלעכקייט און סאָלידאַריטעט פון דער דעמאָקראַטישער יוגנט אויף דער גאָרער וועלט.

3. בײדע אָרגאַניזאַציעס וועלן מאָביליזירן די יוגנט צו א פאַרשטאַרקטן אנטייל אינם אויפבוי פון לאַנד און רעאַליזירן דעם דרייאָר־פּלאַן, דורך געמיינזאַמען אדורכפירן אַקציעס פון ארבעטס־געיעג, אין געמיינזאַמען קאַמף פאַר העכערן דעם ארבעטס־פּראָצעס. די פאָרמען פון ווייטערדיקן אדורכפירן דעם ארבעטס־געיעג וועלן געמיינזאַם באַשלאָסן ווערן דורך דער אָנפירערשאַפט פון בײדע אָרגאַניזאַציעס.

4. בײדע אָרגאַניזאַציעס וועלן אָנשטרענגען אלע כוחות אין דער צוזאמענארבעט פאַר פאַרגרעסערן דעם אנטייל פון דער יוגנט אין דער ארבעט פון די יוגנט־סעקציעס ביי די פראָפ.פאַריינען, פויערים־זעלבסטהילף, קאָאָפּעראַטיוון, ספּאָרט און אַנדערע אינסטיטוציעס פון געזעלשאַפטלעכן געברויך.

5. בײדע אָרגאַניזאַציעס וועלן פירן א געמיינזאַמע אידעאָלאָגישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אָפענסיווע צווישן דער לערנענדיקער יוגנט.

6. בײדע אָרגאַניזאַציעס וועלן שטרעבן צו פאַרבעסערן און פאַרטיפערן די ארבעט פון די פאַרשטענדיקונגס־קאָמיסיעס פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, אָננעמענדיק אלס פרינציפּ די איינהייטלעכע שטעלונג אין פרינציפּיעלע פראַגן און אין איינהייטלעכע ארויסטרעטונגען אין דער קאָמיסיע.

7. די רעאַליזירונג פון צוזאַמענאַרבעט און דערנענטערונג צווישן בײדע אָרגאַניזאַציעס וועלן אָננעמען פאָלגנדיקע פאָרמען:

א. אמווינציקסטן איינמאָל אין חודש וועלן פאָרקומען פאַרזאמלונגען פון די באַפולמעכטיקטע פאָרשטייער פון די אנטשפרעכנדיקע קאָמיטעטן אָ.מ.־„טור" און פאַרוואַלטונגען פון ז.וו.מ., צענטראַלע, וואָיעוואָדישע, שטאָטישע, פּאָוויאַטאָווע און ראַיאָן־פאַרוואלטונגען פון די קרייזן.

ב. אמווינציקסטן איינמאָל אין צוויי חדשים וועלן פאָרקומען געמיינזאמע ברייטערע באַראַטונגען פון די צענטראַלע, וואָיעוואָדישע, פּאָוויאַטאָווע, ראַיאָן־אקטיוון, ספּאָרטאָווע, פאַך א.א.וו.

ד. די רעדאַקציעס „מלאָדזשי אידאָן" און „וואַלקאַ מלאָדיך", ווי אויך אנדערע ענלעכע צייטשריפטן און אויסגאַבן פון אָ.מ.־„טור" און ז.וו.מ. וועלן אָפּהאלטן געמיינזאמע פאַרזאמלונגען אמווייניקסטן איינמאָל אין חודש. ביי די רעדאַקציעס וועט איינגעפירט ווערן א שטענדיקער אויסטויש פון רעדאַקציע־מאַטעריאַלן.

די אָרגאַניזאַציעס אָ.מ.־„טור" און ז.וו.מ. שטעלן פעסט, אז דער אָפּמאַך וועגן צוזאַמענאַרבעט איז נישט קיין קאָניוקטור־צוג, נאָר א טראָט פאָרויס צו דער אידעאָלאָגישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער דערנענטערונג, א טראָט פאָרויס צום פאַרייניקן פון בײדע אונזערע אָרגאַניזאַציעס.

פאַר דעם צ.ק. אָ.מ. „טור"
**לוציאַן מאָטיקאַ**
(פאָרזיצער פון אָ מ. „טור")

פאַר דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון ז.וו.מ.
**אַלעקסאַנדער קאַוואַלסקי**
(פאָרזיצער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון ז וו.מ.)

# ז.וו.מ. ביי דער אַרבעט

נאָך די זומער־פעריען האָבן זיך אונזערע חברים אומגעקערט אין די וואַרשטאַטן און שולן צו ווייטערדיקער פּראָדוקטיווער ארבעט און בילדונג.

אַלץ מער וואַקסט די צאָל יידישע ז.וו.מ.־אָווצעס, אָנטיילנעמער אין די צוגרייטונגס־קורסן צום אוניווערסיטעט, איינגעאָרדנטע דורך א.ז.וו.מ. „זשיטשע".

די צוזאַמענאַרבעט מיט די פוילישע חברים פון אונזער אָרגאַניזאַציע ווערט וואָס אמאָל ענגער און נענטער. ספּעציעל אויף נידער־שלעזיע זיינען געמאַכט געוואָרן גרויסע שריט פאָרויס אויף דעם געביט. אונזערע קרייזן ווערן דירעקט באַדינט דורך פאָרשטייער פון די שטאָטישע ז.וו.מ.־פאַרוואלטונגען און דאָס גיט זייער גוטע רעזולטאַטן. אונזערע חברים לעבן מיט מיט אלע נייעסטע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע געשעענישן אין לאַנד און אין אויסלאַנד און נעמען דערצו שטעלונג צוזאַמען מיט דער גאַנצער ז.וו.מ.־אָרגאַניזאַציע.

נידער־שלעזיע איז שוין פון לאַנג א מוסטער אויף אלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן און ווירטשאַפטלעכן לעבן אין לאַנד און אין אונזער יידישן ישוב אין פוילן. אויך אויף דעם געביט פון פאַרשטאַרקטער צוזאַמענאַרבעט צווישן דער יידישער און פוילישער יוגנט קאָן נידער־שלעזיע דינען אלס מוסטער.

גייענדיק אויפן וועג פון איינהייט צווישן דער גאַנצער יידישער יוגנט שאַפן נישט אונזערע חברים קיין זעלבשטענדיקע אינסטיטוציעס, נאָר בילדן דעם קערן פון די שטאָטישע דראַמקרייזן, כאָרן, ספּאָרט־קלובן א.א.

די צוזאַמענאַרבעט מיט די איבעריקע יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס ווערט בסדר פאַרטיפט. א גרויסער סטימול דערצו איז געווען די איינהייטלעכע יוגנט־בריגאַדע צום רייניקן דעם געביט פון וואַרשעווער געטאָ, וועלכע האָט פאַרענדיקט די ארבעט אין פאָריקן חודש. אונזערע חברים האָבן זיך אין דער בריגאַדע אויסגעצייכנט סיי לויט דער צאָל און סיי לויט דער באַציונג צו דער ארבעט.

דער געמיינזאַם־פאַרבראַכטער חודש אין אויסערסט־גוטע חברישע באַציונגען פון פאָרשטייער פון אלע זיבן יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועט אָן שום ספק זיין א גרויסער באַשטייער צום פאַרטיפן די איינהייט צווישן די יידישע יוגנטלעכע, טראָץ פאַרשידענע שוועריקייטן.

איצט גרייט זיך אונזער יוגנט אינטענסיוו צו פייערן דעם 30־יאָריקן יובל פון דער סאָוועטן־מאַכט.

די היי־יאָריקע פייערונגען וועלן אויספאַלן אימפּאָזאַנטער, ווי ווען עס איז פריער. געמיינזאַם מיט די פוילישע ז.וו.מ.אָווצעס, מיט דער גאַנצער יידישער דעמאָקראַטישער יוגנט, וועלן אונזערע יוגנטלעכע פייערן דעם זיג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וועלכע האָט גורם געווען די פאַרניכטונג פון פאַשיזם און אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן פון טויזנטער יידישע יוגנטלעכע.

דאָס האָט דער ראַטנפאַרבאַנד אונז דערמעגלעכט אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין דעם גרויסן געראַנגל קעגן פאַשיזם; ווען אויפן סאָוויעטישן זאַוואָד, ווען אין דער רויטער אָדער פוילישער ארמיי און ווען אין די פאַרטיזאַנער אָטריאַדן.

אויך די העלדן פון וואַרשעווער און אַנדערע געטאָס, האָט געלויכטן אין זייער פאַרצווייפלטן קאַמף דער רויטער פינפעקיקער שטערן.

# פון לעבן פון דער „באַראָכאָוו"־יוגנט אין לאַנד

גלייך נאָכן פאַרענדיקן די זומער־קאָלאָניעס פון דער „באַראָכאָוו־יוגנט" און „יונג־באָר", וועלכע האָבן פיל בייגעטראָגן צו דער פּאָליטישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער אויסשולונג פון די חברים, איז די באַוועגונג צוגעטרעטן צו אָרגאַניזירן איר נאָרמאַלע טעטיקייט.

ס'איז צונויפגערופן געוואָרן א כינוס אין דער שטאָט באָלקאָוו פון די יוגנט און „יונגבאָר־טוער" אין נידער־שלעזיע. אין כינוס האָבן אָנטיילגענומען פאָרשטייער פון 16 אָרגאַניזאַציעס פון אַלע באַדייטנדיקע שטעט פון די באַפרייטע געביטן: ווראָצלאַוו, ריכבאַך, וואַלבזשיך, ליגניץ, ביעלאַווע, פּיעטראָלעשיע, קלאַדזקא, דושניקי־זדרוי, שווידניק, יאַוואָר, כאָינוו, באָלקאָוו, זאַגוזשע, קאַמיענגא גורא, פרידלאַנד און זשעמביץ. עס האָבן אויך אָנטייל גענומען חברים פון דער צענטראַלער אָנפירונג פון דער „באַראָכאָוו־יוגנט", דער וואָיעוו. יוגנט־סעקרעטאַריאַט, דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּועלי־ציון לינקע — ח' שטאָקפּיש און דער סעקרעטאַר פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט ח' ברום.

נאָך דעם אינהאַלטסרייכן רעפעראַט פון ח' ראָטענבערג „וועגן דער פּאָליטישער סיטואַציע אין דער וועלט און אין א"י און די אויפגאַבן פון דער יוגנט", האָט זיך אַנטוויקלט אַן ערנסטע דיסקוסיע, אין וועלכער ס'האָבן אָנטיילגענומען כמעט אַלע דעלעגאַטן. צום סוף איז אָנגענומען געוואָרן א גאַנצע רייע וויכטיקע באַשלוסן, וועגן דער ווייטערדיקער פּאָליטיש־דערציערישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט.

נאָכן כינוס זיינען אין אַלע אָרגאַניזאַציעס, אין 26 שטעט פון פּוילן, פאָרגעקומען אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע ס'זיינען אויסגעוויילט געוואָרן געהעריקע אינסטאַנצן און אויסגעאַרבעט געוואָרן פּלענער אויף דער הערבסט־און ווינטער־צייט. עס זיינען קאָמפּלעטירט געוואָרן די גרופּן לויטן עלטער און אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג. עס זיינען אויפגעפרישט און דעקאָרירט געוואָרן די לאָקאַלן, איינגעשטעלט די קלוב־סעקציעס, כדי די קינדער און יוגנטלעכע זאָלן קאָנען קולטורעל פאַרברענגען און אויסלעבן זיך. עס זיינען באַנייט געוואָרן די עונג־שבתים און יום־טוב־פייערונגען, וועלכע ווערן אויסגענוצט, כדי צו באַקענען די יוגנטלעכע מיט די פּרעכטיקע שאַפונגען פון דער יידישער און אַלוועלטלעכער קולטור און מיט דער רומרייכער יידישער געשיכטע.

די „באַראָכאָוו־יוגנט" האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אַלע יידישע, ציוניסטישע און פּאַרטייאישע אונטערנעמונגען. די חברים האָבן אָנטיילגענומען אין די אַרבעטן ביים אָפּרייניקן דעם פּלאַץ פאַרן דענקמאָל פון די געטאָ־קדושים. די אָרגאַניזאַציעס באַטייליקן זיך אין די געלט־זאַמלונגען פאַרן געטאָ־דענקמאָל, קרן־קימת און קרן־היסוד. די חברים נעמען אָנטייל ביים פאַרשפּרייטן די פּועלי־ציוניסטישע פּרעסע, שקלים און אין אַלע פּאַרטייאישע אַקציעס. אומעטום ווייזן די יוגנטלעכע אַרויס די געהעריקע מאָס פאַרשטענדעניש און אַקטיוויטעט.

אויסנוצנדיק דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן אויפשוונג, האָט די צענטראַלע פון דער „באַראָכאָוו־יוגנט" געוואָרפן דעם לאָזונג פון א גרויסער ווערביר און פּראָפּאַגאַנדע־אַקציע.

אין דער צייט פון דער פּראָקלאַמירטער אַקציע זיינען אין א גאַנצער רייע שטעט, ווי לאָדזש, ווראָצלאַוו, ריכבאַך, וואַלבזשיך, ליגניץ, שווידניץ, שטשעטשין, קראָקע און אַנדערע, פאָרגעקומען פאַרשידענע אונטערנעמונגען (פאָרלעזונגען, דיסקוסיע־אָוונטן און שמועסן), אויף וועלכע ס'זיינען אַרומגערעדט געוואָרן אַלע פּראָבלעמען פון יידישן און אינטערנאַציאָנאַלן לעבן. א באַזונדער אָרט האָבן פאַרנומען די ארץ־ישראל־פּראָבלעמען, דער גראַנגל, וועלכער גייט אָן פאַר העפּלה און יידישער מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט, וועגן אונזער פאַרבינדונג אין די באַפרייונגס־קאַמף מיט די פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישע כוחות אין דער וועלט, און וועמענס שפּיץ עס שטייט דער מעכטיקער ראַטנפאַרבאַנד.

צו דער ווערביר־אַקציע האָט די צענטראַלע אַרויסגעלאָזט א ספּעציעלן פּראָפּאַגאַנדע־פּלאַקאַט, אויף וועלכן ס'איז אויפגעשריבן געווען די וויכטיקסטע קאַמפּס־לאָזונגען פון דער באַוועגונג. כמעט אַלע אָרגאַניזאַציעס זיינען זייט דעם אָנהויב פון שול־יאָר באַזוכט געוואָרן דורך די חברים פון צענטראַלע, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן איינצושטעלן די קולטור־דערציערישע אַרבעט און צו פאַרפעסטיקן די אָרגאַניזאַציעס.

## לאַנד־כינוס פון דער „באַראָכאָוו־יוגנט"

די טעג איז אין לאָדזש פאָרגעקומען א לאַנד־כינוס פון דער „באַראָכאָוו־יוגנט" און „יונג־באָר", וועגן דער פאַרשטייענדיקער פאַראייניקונג מיטן „דרור", און וועגן די אָרגאַניזאַציאָנעלע צוגרייטונגען. אין כינוס האָבן זיך באַטייליקט 55 דעלעגאַטן פון 20 אָרגאַניזאַציעס, צווישן די געסט זיינען געווען דער ח' קליגער פון קיבוץ המאוחד און ח' דראַבקין.

# די לאַנדווירטשאַפטלעכע פערמע פון הנוער הציוני „עקיבא"

אין דעם פּרעכטיק שיינעם גרענעץ־שטעטעלע פרידלאַנד, וועלכעס ליגט האַרט ביי דער טשעכישער גרענעץ, געפינט זיך אונזער לאַנדווירטשאַפטלעכע פערמע, וועלכע פאַרנעמט א שטח פון 25 העקטאַר, אין וועלכער עס באַקומען זייער לאַנדווירטשאַפטלעכע צוגרייטונג חלוצים און חלוצות.

די אַרבעט אין דער פערמע איז א לעבהאַפטע אויף אַלע געביטן: פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט זיינען אונזערע חלוצים־פויערים פאַרנומען יעדער ביי זיין אַרבעט.

פאַרטאָגס, ווען דאָס אַרומיקע שטעטל איז נאָך פאַרזונקען אין טיפן שלאָף, איז שוין אין אונזער פערמע א גרויסע באַוועגונג. דער טומל פון די הינער און גענז, וועלכע מאַכן פול דעם הויף מיט זייער געפילדער עפנט דעם אַרבעטס־טאָג.

די חלוצים רייניקן אויס דעם שטאַל און בעטן אויס פרישע שטרוי אונטער די בהמות. די אַרבעט פון אונזערע חברים איז זייער קענטיק, ווייל די 19 בהמות פון דער פערמע געהערן צו די שענסטע אין דער גאַנצער געגנט.

די אַרבעט אויף דעם געביט פון בהמות־האָדעווען האָבן אונזערע חברים שוין גרינטלעך דערלערנט, און זיי קאָנען דערמיט שטאָלצירן.

פון 7 אזייגער אינדערפרי הויבט זיך אָן די אַרבעט אין פעלד — נאָך דעם מפקד־בוקר און נאָך דעם פרישטיק גייען אונזערע חלוצות אַרויס צו דער אַרבעט אויף דעם פעלד. די אַרבעט אין פעלד געהערט נישט אין דער געגנט צו די לייכטע זאַכן. די שטיינערנע ערד, וועלכע באַשווערט די אַרבעט, שרעקט נישט אָפּ אונזערע חלוצים, וועלכע גרייטן זיך צו דער שווערער ערד־אַרבעט אין נגב און אין די בערג פון יהודה. מיט זייער שווייס באַפרוכפּערן זיי די שטיינערדיקע ערד, וועלכע האָט אין דעם יאָר טראָץ דער טרוקעניש, געגעבן געוווּנטשענע רעזולטאַטן.

די גרעסטע אַרבעט האָבן אונזערע חלוצים געהאַט אין שניט־צייט און נאָך איר, אין דער אַרבעט האָט די פערמע באַקומען א סך מיטהילף פון אונזערע חברים, וועלכע האָבן פאַרברענגט די וואַקאַציעס אויף די מושבות־קיץ פון אונזער באַוועגונג, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין קוזשניצע, ביי פרידלאַנד. דער פריידיקסטער טאָג איז געווען פאַר די פערמער דער טאָג פון פאַרענדיקן דעם שניט. אין דעם טאָג האָבן אונזערע חלוצים פאַרברענגט מיט אונזער יוגנט פון גאַנץ פּוילן ביי א געמיינזאַמער פייערונג.

אונזערע חלוצים אין פרידלאַנד האַלטן אויך פון דעם, אז „לא על הלחם לבדו יחיה האדם" און פירן א פאַרצווייגטע קולטורעלע טעטיקייט. עס קומען פאָר לעקציעס פון עברית און שיחות אויף אַקטועלע טעמעס, וועלכע פאַרטיפן דעם באַוואוסטזיין פון אונזערע חלוצים.

ביים היינטיקן טאָג שטייט די פערמע אונטער דעם צייכן פון די צוגרייטונגען צום ווינטער. עס זיינען שוין פאַראַקערט געוואָרן די פעלדער און פאַרזייט געוואָרן מיט ווינטערדיקער זריעה. עס ווערן געמאַכט אַלע צוגרייטונגען צום ווינטער, כדי צו קענען אויסנוצן די מער־פרייע צייט פון ווינטער אויף פאַרטיפן אונזער קולטורעלע אַרבעט.

# ספּאָרט-בייַלאַגע

## די טעטיקייט פון די יידישע ספּאָרט-קלובן אין לאַנד

אין פארלויף פון זומער-סעזאָן איז אין גאַנצן לאַנד פאָרגעקומען אַן אינטענסיווע ארבעט אין אונזערע ספּאָרט-קלובן. אין די יידישע ספּאָרט-קלובן פלעגן זייער אָפט פאָרקומען פארמעסטונגען צווישן די יידישע מאַנשאפטן און מאנשאפטן פון די פוילישע קלובן. ספּעציעל רייך אין פארמעסטונגען און אין ספּאָרט-אימפּרעזעס איז געווען דער חודש אויגוסט. דער ביעלאווער יידישער ספּאָרט-קלוב איז אריין, אין רעזולטאט פון גינסטיק אדורכגעפירטע פוטבאָל-פארמעסטונגען אין „א" קלאַס. דער יידישער ספּאָרט-קלוב אין זאגוזשע האָט פארנומען דאָס 9 אָרט, אויף 12 ערטער אין די מייסטערשאפטס-פארמעסטונגען פון „ב" קלאַס. אין זאגוזשע ווערט צוגעגרייט א יוניאָרן-מאַנשאפט, אין ביעלאַווע האָט אַן ענלעכע יוגיאן-מאנשאפט שוין דורכגעפירט פארמעסטונגען. אין יאַוואָר קומען פאָר רעגולערע איבונגען פון דער פוטבאָל-סעקציע, וועלכע גרייט זיך צו פאָרמעסטונגען. עס באמערקט זיך אַן אויפלעבונג פון די פינג-פּאָנג-סעקציעס, מיט דער דערנעטערונג פון סעזאָן. די אקטיווי-טעט פון אונזערע קלובן אין נידער-שלעזיע, נאָך פארן חודש אויגוסט, קאָנען מיר באווייזן מיט די פאָלגנדע ציפערן: נאָך פוטבאָל-מעטשן זיינען אין משך פונג חודש געשפּילט געוואָרן אין וורצלאַוו 7, זאגוזשע 5, ביעלאווע 6, זאַמבקאָוויצע 4, וואלבזשיך 5, שווידניצע 3, קלאדזקאָ 4, און אנדערע.





יידישע ספּאָרטלער פון אויבערשלעזיע אין מאַרש

אין אויבערשלעזיע ווייזן ארוים א גרויסע אקטיווע ארבעט די קלובן אין ביטאָם, ביעלסק און גליוויץ. אויף דעם צוזאַמענפלי פון די יידישע ספּאָרט-קלובן אין גליוויץ האָבן די יידישע ספּאָרט-קלובן פון אויבערשלעזיע געהאט א מעגלעכקייט צו דעמאָנסטרירן זייערע דערגרייכונגען אויף דעם ספּאָרט-פעלד, אין דער קורצער צייט פון זייער עקזיסטענץ און גלייכצייטיק זיך איבערצייגן אין זייערע גרויסע בלויזן אויף דעם דאָזיקן געביט. די אויבנדערמאנטע קלובן האָבן זיך גענומען אינטענסיוו צו פאַרפולקאָמען זייער ספּאָרט-קענטעניש און אלס רעזולטאט פון דעם קאָנען מיר פעסטשטעלן, אז די יידישע קלובן אין ביעלסק, ביטאָם און גליוויץ שטייען אין פארגלייך מיט אנדערע קלובן אויף א גאנץ הויכן ניוואָ, וואָס ס'איז נאָך מער צו באוואונדערן וויסנדיק, אז די קלובן קעמפן מיט גרויסע פינאנסיעלע שוועריקייטן.

---

## יידישער ספּאָרט-קלוב „גוויאַזדאַ" אין לאָדזש

דער ספּאָרט-קלוב „שטערן" ווייזט לעצטנס אַרויס אַ פאַרשטאַרקטע אַקטיווע טעטיקייט אויף אַלע געביטן. די פוטבאָל-סעקציע האָט אויפן פריינטשאַפטס-מעטש מיט ק. ס. סטענגאַ



רעמיזירט 2:2 (2:0). די באָקס סעקציע טרעט אין דער נאָענטסטער צייט אַרויס אויף איר ערשטן טריט אונטער דער געניטער אָנפירערשאַפט פון מייסטער טרענירער פאָלוס. די פינג-פּאָנג סעקציע האָט לעצטנס געוויילט אין גאָסטינין און דאָרט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער ס. ק. ס. „מאַזאָוויע" 8:1, אין אַ פריינטשאַפט מעטש מיטן לאָדזשער „זריוו-קאָושיני" געווינען 9:0. די פינג-פּאָנג יוניאָרן-סעקציע האָבן ביים מייסטער פון לאָדזשער יוניאָרן ד. ק. ס. 1:8. די גימנאַסטיק-סעקציעס פון פרויען, מענער און יוניאָרן פירן אַ סיסטעמאַטישע אַרבעט אונטער דער אָנפירערשאַפט פון געניטע אינסטרוקטאָרן.

## זש.ק.ס. אין נידערשלעזיע

אין צוזאמענהאנג מיטן ענדיקן פון זומער-סעזאָן — זיינען אונזערע פוטבאָליסטן פון זש.ק.ס. אין נידערשלעזיע צוגעטרעטן אינטענסיוו זיך גרייטן צום ווינטער-ספּאָרט.



פוטבאָל-מאַנשאַפט פון זש.ק.ס. אין נידערשלעזיע

---

# יידישע ספּאָרטלער!
# גרייט זיך צום ווינטער-סעזאָן!




# וועגן גרויסע מענטשן

## דער ערשטער האָנאָראַר

מ'האָט געפרעגט מארק טווענען: ווען האָט איר באַקומען אייער ערשטע באַלוינונג אַלס שרייבער? דאָס איז געווען אין מיין פריסטער יוגנט — האָט געענטפערט טווען — אין שול ווו כ'האָב געלערנט, פלעגט מען שלאָגן די קינדער. נאָר מ'האָט געקאָנט זיך באַפרייען פון דער שטראָף דורך געבן 5 דאָלאַר פאַר אַ צדקה־אַנשטאַלט. איין מאָל, ווען איך בין געווען אַ קאַנדידאַט אויף קלעפּ, האָב איך זיך מודה געווען פאַר מיין פאָטער און ער האָט מיר געגעבן דעם סכום. די 5 דאָלאַר האָב איך איבערגעלאָזט פאַר זיך, און מיך האָט מען געשלאָגן.

## שוין אַזאַ מזל

מארק טווען פלעגט ארומפאָרן איבער די שטעט פון אַמעריקע מיט רעפעראַטן. אַמאָל איז ער געקומען אין אַ קליין שטעטל און איז אריין צו אַ פריזירער זיך אָפּראַזירן. בשעת דעם ראַזירן פרעגט אים דער פריזירער: ביסט נישט קיין היגער?

יאָ — האָט געענטפערט טווען — דאָס ערשטע מאָל בין איך אין אייער שטעטל. ביסט געקומען אַהער אין אַן אינטערעסאַנטן טאָג — האָט געזאָגט דער פריזירער — דער באַרימטער מארק טווען וועט היינטיקן אָוונט האַלטן ביי אונז אַ רעפעראַט. צי וועסטו קומען? — איך רעכן, אַז יאָ — האָט געענטפערט טווען.

און צי האָסטו זיך פאַרזאָרגט מיט אַ בילעט?

— ניין.

— נישט גוט, — האָט געזאָגט דער פריזירער — אויב אַזוי וועסטו מוזן שטיין בשעת דעם גאַנצן רעפעראַט, ווייל אַלע בילעטן זיינען שוין אויספאַרקויפט.

— זייער אַ שאָד — האָט געזאָגט דער שרייבער — תמיד ווען מארק טווען רעפערירט, מוז איך שטיין. ס'איז שוין מיין מזל אַזאַ.




איבערן קאָפּ פון דער „אונא"




## צווישן עלטערן

דער לערער האָט געהייסן קויפן אונזער זון אַן ענציקלאָפּעדיע.

וואָס? — האָט זיך אויפגערעגט דער פאָטער — ער קען גיין אין שול צופוס, פונקט ווי איך בין אַמאָל געגאַנגען!




רעדאַגירט פון ל. קאַרנפעלד

### עטיוד נר. 1



ווייס ציט און מאַכט רעמי

די ריכטיקע אויפלעזער וועלן דורך אַ גורל באַקומען אַ ווערטפולע ביכער־פּרעמיע און זייערע נעמען וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן. די אויפלעזונגען דאַרפן צוגעשיקט ווערן שפּעטסטנס ביזן 20־טן ד. ח.

### פאַרטיע נר. 1

געשפּילט אויפן טורניר וועגן דער מייסטערשאַפט פון לאָדזש אויפן יאָר 1947.

ווייס: ווראָבלעווסקי שוואַרץ: מייכזשאַק

פראַנצויזישע דערעפענונג

| | | |
|---|---|---|
| 1. | ע2—ע4 | ע7—ע6 |
| 2. | צע2—צע4 | דע7—דע5 |
| 3. | צע4 : דע5 | ע6 : דע5 |
| 4. | ד דע1—אַ4 שאַך | ל צע8—דע7 |
| 5. | ד אַ4—בע3 | דע5 : ע4 |
| 6. | ד בע3 : בע7 | ש בע8—צע6 |
| 7. | ד בע7—בע3 | ט אַ8—בע8 |
| 8. | ד בע3—דע1 | ל דע7—עף5 |
| 9. | ש גע1—ע2 | ש גע8—עף6 |
| 10. | ש ע2—גע3 | ל עף5—גע6 |
| 11. | ל עף1—ע2 | ל עף8—צע5 |
| 12. | ש בע1—צע3 | קורצע ראָשאַדע |
| 13. | קורצע ראָשאַדע | ט עף8—ע8 |
| 14. | ל ע2—בע5 | ט ע8—ע6 |
| 15. | אַ2—אַ3 | ש צע6—ע5 |
| 16 | בע2—בע4 | ל צע5—דע4 |
| 17. | ש גע3—ע2 | ל גע6—האַ5 |
| 18. | ד דע1—א4 | ש ע5—עף3!! שאַך |
| 19. | ק גע1—האַ1 | ש עף6—גע4! |
| 20. | גע2 : עף3 | ש גע4 : הא2! |
| 21. | ש ע2—עף4 | ל האַ5 : עף3 שאַך |
| 22. | ק האַ1 : האַ2 | ד דע8—האַ4 שאַך |
| 23. | ש עף4—האַ3 | ל דע4—ע5 שאַך |

ווייס גיט אויף.

דער יונגער סטודענט מייכזשאַק, וועלכער גייט אַן אין די היגע שאַך־קרייזן אַלס פיל־צוזאָגנדיקער טאַלאַנט, האָט די גאַנצע פאַרטיע אַדורכגעפירט אין אַ זייער שיינעם סטיל.

רעדאַקציע-קאָלעגיע:
באָזשיקאָווסקי ט., וואַרשאַווסקי י. יאָהאַנעס ב., לערמאַן י., עדעלמאַן מ., פריידענרייך י., קוואַטערקא א., שטערן פ.
פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון רעדאַקציע: י. וואַרשאַווסקי

צייכענונגען: ש. פאָגעלמאַן

Wydawca: Wydział Młodzieżowy, Centralnego Komitetu Żydów Polskich, Warszawa, ul. Sienna 60. Składano w Redakcji „Folks — Sztyme", Łódź, ul. Narutowicza 32. Druk. R. S. W. „Prasa", Żwirki 17 D-023008



מיט אונדזער ארבעט
העלפן מיר
בויען
א דענקמאל
די געפאלענע
יידישע
העלדן
אין ווארשעווער
געטא